STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02065

FAR'N SHTURM

Leopold Kampf

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק.

ON THE EVE
A Drama in 3 Acts
By LEOPOLD KAMPF

פאַר'ן שטורם

דראַמאַ פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן
אין 3 אַקטען

פון לעאָפּאָלד קאַמפּף

אַרויסגעגעבען פון
די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק
22 נאָרטה וויליאַם סטריט, ניו יאָרק.

פּרייז 20 סענט.

דיא אינטערנאציאנאלע ביבליאָטהעק.

פאר'ן שטורם

דראַמא פון דער רוסישער רעוואלוציאן

אין 3 אַקטען

פון

לעאפאלד קאמפף.

איבערזעצט אוים דעם דייטשען.

ארויסגעגעבען פון
דיא אינטערנאציאָנאלע ביבליאטהעק
פערלאג קא.
23 דואיין סט. ניו יאָרק.

Copyright, 1907,
By the International Library Publishing Co.

פערזאנען:

אננא ריקאנסקאיא.

אנטאן טלאטשאָו.

סאָפיא איוואנאָוונא.

מאשא.

טאנטאל.

גריגאָרי.

תלמיד.

דאקטאר.

באנקיר.

ארינא, אַלטע וועשערין.

סאשא, גימנאזיסט.

אָלגא ליאנאָוויטש, סטודענטין.

עריך קונצע.

איוואן פּאוולאָוויטש, פינאַנץ־בעאַמטער אין דער גובערניע.

ווארווארא סערגעיעוונא, זיין פרוי, אַננאַ׳ס טאַנטע.

מאריא ניקאָלאיעוונא, די פרוי פון אן אינזשיניער.

טאניא, איהרע א אינגערע שוועסטער.

נאטאליא דמיטריעוונא, די פרוי פון א זשאַנדארמען־פּאָלקאָווניק.

קאטיא, דיענסט אין שטוב ביי איוואן פּאולאָוויטש'ן.
אקאָלאָדאָטשני נאדזיראטעל, (פּאָליציי-אָפיציר).
סעמיאָן, דוואָרניק (וועכטער) און אויך פערוואַלטער פון הויז.
זשאנדארמען-אפיציר און זשאנדארמען.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אַ גרויסער רוסישער שטאָדט. צייט: אָנהויב פריהלינג, 1905.

ערשטער אקט.

די סצענע איז צוטיילט אויף צוויי נישט־גלייכע חלקים.

דאָס צימער רעכטס, דאָס גרעסערע, איז מעבלירט אויף אן אייג־פאַכען אופן. פון דער רעכטער האַנד געפינט זיך א פענסטער, וואָס איז פערהאַנגען פון אויבען ביז אונטען. אויפ׳ן פענסטער שטעהט אַ טאָפּ מיט בלומען. אין דער הינטערסטער וואַנד זעהט מען צוויי טיהרען: די רעכטע געהט אריין אין א חדר, די לינקע — אין א פאָרהויז. פון מיטען באַלקען לאָזט זיך אראָב אַ הייגגענדיגער לאָמפּ. אונטער׳ן לאָמפּ, אַ ביסעל אָן אַ זייט, אָבער נאָך אַלץ אין מיטען שטוב, אַ הוילער טיש; ארום איהם — עטליכע שטיהל.

אויף דער סצענע, פון פאָרענט, א סאָפאַ און אַ קאָמאָד. אין ווינ־קעל, רעכטס, אַ קאַסטען, איבער איהם הייגגט אן איקאָנע (בילד פון אַ הייליגען). ביי דער וואַנד, לינקס, אַן אַלמער. איבער די טיהרען הייג־גען בילדער פון קיסרים.

אין דער לינקער וואַנד, וועלכע טיילט פאַנאַנדער די סצענע אין צווייען, געפינט זיך א פערשטעלטע טיהר. די טיהר פיהרט אריין אין אַ קליינעם קעלער, וואָס איז שוואַך בעלויכטען מיט אַ לעמפּעל. דאָס לעמפּעל הייגגט אויף דער וואַנד, וואָס טיילט פאַנאַנדער די סצענע, אָבער דער צושויער זעהט דאָס ניט. דער קעלער איז אזוי שמאָל, דאָס מען קען נאָר זעהן די קאַסטענס, וואָס פערנעמען דעם גאַנצען פאָרענט.

עס איז נאָך מיטאָג־צייט.

פון קעלער הערט זיך אַ קלאַפּעריי, אַן איינגעהאַלטענע און אַ רעג־געלמעסיגע.

ביים גרויסען טיש זיצען מאשא און סאָפיא איוואַנאָוונא.

מ א ש א (אכטצעהן יאהר אלט, בלאנדע האָר. אן אינטעליגענטעס געזיכט, א לעבעדיגע נאַטור ; אַנגעטאָן ווי אַ דינסטמיידעל).

ס אָ פ י א   א י ו ו א נ א ו ו נ א (ניין און צוואַנציג יאָהר אַלט, די האָר קורץ אָבגעשאָרען).

(ניט אויסרעדענדיג אַ וואָרט לעגען זיי צונויף פריש אָבגעדרוקטע בלעטער, וואס זיינען אנגעוואָרפען אויפ'ן טיש, און פאקען זיי איין אין אַ טשעמאָדאַן, וואָס געפינט זיך אויף דר'ערד צווישען זיי ביידען).

מ א ש א (רייסט איבער די ארבייט, און פערטיעפט זיך אין אַ בוך, וואָס ליגט אויפ'ן טיש).

ס א פ י א (ווייך). גענוג שוין, מאשא. זעה נאר, ווי פער־טיפט זי איז ! דו ווייסט דאָך, אז מיר טאָרען ניט פערלירען איין מינוט צייט. אננא קען קומען יעדען אויגענבליק, און ביז איהר קומען מוז זיין פארטיג די גאנצע ארבייט. וועסט נאָך האָבען צייט צו קוויקען זיך מיט דיין מארקס'ען.

מ א ש א (פערטאָן אין לייענען) די מינוט, די מינוט. (נעמט זיך אין אַ ווײַלע ארום צו דער ארבייט). דו ביסט טאקי גערעכט.

(פאוזע. די קלאַפּעריי ווערט שטארקער).

ס אָ פיא (הארכט זיך איין, שטעהט אויף פון אָרט און געהט צו צום קעלער). שא . . . דער פרעס קלאפט צו שטארק. (קערט זיך אום צו דער איבערגעריסענער ארבייט).

(די קלאַפּעריי ווערט שטילער און הערט באַלד אויף גאָר אין גאַנצען).

א נ ט אָ ן   ט ל א ט ש אָ ו (קומט אריין פון קעלער, אַהן אַ רעקעל. ער איז 34 יאָהר אַלט, שארפע געזיכטס־ציגען, זעהט אויס פער'מרה'שחורה'ט, הוסט אלע ווײַלע. האלט די הענד פאר די אויגען צו שיצען זיך פון ליכט. האָט מיט זיך פרישע אָבגעדרוקטע בלעטער, וואס ער לעגט ארויף אויפ'ן טיש. נעמט שפּרייזען איבער'ן צימער, אויפגערעגט, אין כעס). צו אַלל'די שווארץ יאָהר זאָל זי געהן, די אלטע שקארפע. איך קען שוין מעהר פון איהר ניט אויסהאַלטען.— עס וואָלט שוין געוועזען צייט אַ שמיר צו טאָן די פּאַסקודע מיט

אויל. — און געבליבען איז גאָר א קליינינקייט — מען האָט באלד געקענט ענדיגען.

סאָפּיא. (פער׳דאגה׳ט). ביסט עפּיס היינט שרעקליך נערוויאיש.

אנטאָן. אז דער קאסטען, אויסגעריסען זאָל ער ווערען, קלאפּט אזוי . . .

סאָפּיא. נו, וואָס איז דאָ דער אומגליק אזוי גרויס ? אונטען איז דאך די דירה א לעדיגע. אלץ איינס וועט קיינער ניט דערהערען.

אנטאָן. א מענש האָט זיך איינגערעדט ! איך זאָג אייך: דער שלים־מזל רוקט זיך אויף אונז, דער שלים־מזל, איך פּיהל דאָס — פערשטעהסט צו ניט ? — איך פּיהל . . .

מאשא. איהר זייט משוגע צו חסור דעה. וואָס ווילט איהר אונז, איבערשרעקען ?

אנטאָן. (מיט אונגעדולד). וואסילי האָט נאָך אלץ ניט געבראכט דעם פּאס פאר טאנטאל׳ן. און דער דווארניק, צו אל׳די שווארץ יאָהר, סטראשעט שוין, אז ער וועט ברייננען דעם אָקאָ־לאָדאָטשני. (בעוויי‍זט מיט׳ן פינגער אויף דעם צימער רעכטס). שלאָפט נאָך ?

מאשא. געוויס שלאָפט ער. א־ניט וואָלט ער דאָך שוין לאנג ארויס אהער. (קוקט אריין אין דאָס הינטערסטע צימער). ווי שטארק ער שלאָפט דאס, דער ארעמינקער! (נעמט זיך ווידער צו דער ארבייט).

סאָפּיא. שוין כמעט א מעת לעת ווי ער האָט זיך געלעגט.

אנטאָן. אודאי א חידוש, האָ ! אין דער פּעטראָפּאוו־לאָווסקער פעסטונג שלאָפט זיך ניט — זיבען חדשים — א ווער־טעלע אויסצורעדען — צופוילט קען מען ווערען.

מאשא. און די לעצטע צעהן נעכט האָט ער כמעט מיט אן אויג ניט צוגעמאכט, ווי ער דערציילט. פּיילען איז אזא ארבייט, וואָס ביי טאָג טוט מען זי ניט.

א נ ט אָ ן . כוואטסקע יונגען, די פּעטערבורגער גענאָסען! ווי קונציג מען האָט דאָס אָבגעארבייט דעם עסק.

מ א ש א . נו, און ביי טאָג האָט ער דאָך ניט געטאָרט שלאָ־פען. און דערנאָך גלייך אהער.

א נ ט א ן (אויפגערעגט). צו אלל'די שווארץ יאהר, ווי איז מען דאָס אזוי לייכטזיניג. א מענש האָט ניט אן אייגענטונקטע פּען און מען שיקט איהם גראָד אהער, צו אונז.

ס אָ פ י א . זיי האָבען געוואוסט, אז נאָך וואסילי'ס אוועק־געהן איז דאָ נויטיג צו האָבען א גוטע קראפט. ער ווידער דארף גראָד האָבען א קאראנטין. און וואו געפינט מען א בעסערן קאַ־ראנטין ווי דאָ ביי אונז?

א נ ט אָ ן . ווען דער פּלאָקען סעמיאָן וואָלט איהם ניט בעמערקט, האָט ער דערוויילע נאָך געקענט אויסקומען אָהן א פּאס, אָבער —

מ א ש א . דארף זיך ווי אויף צו להכעיס מאכען אזא'ן אומגליק, סערגעי זאָל ארעסטירט ווערען.

ס אָ פ י א . שוין אן אכטאָג צייט, הא?

א נ ט אָ ן . מען זאָגט, אז ארום צוואנציג פּעסער האָט מען ביי איהם געפונען בשעת מעשה. ווי זאָל ניט קלעמען דאָס הארץ? איצטער וואָלטען זיי גוט צוניץ געקומען. מילא . . . (געהט אין קע־לער; פון דאָרטען דערהערט זיך ווידער די קלאַפּעריי, אַ האָרעלע שטי־לער ווי פאר דעם; פון צייט צו צייט ווערט די קלאַפּעריי שטאַר־קער).

מ א ש א . ער איז היינט אזוי אונרוהיג.

ס אָ פ י א . וואָס איז דער וואונדער! מיר לעבען דאָך תמיד ווי אויף א וואולקאן.

מ א ש א . איך האָב מורא, אז איך האָב זיך אָנגענומען פון איהם. אָט הויב איך שוין אָן צו ווערען אליין אויך אונרוהיג—

ס אָ פ י א . אנטאָן וועט דאָס לאנג ניט אויסהאַלטען — ער איז אזוי גוט ווי אויסגעשפּיעלט — קיין מינוט טאָר ער ניט

וואַרטען און וואָס גיבער זיך אַרויסכאַפּען פון דאַנען אויף דער פרייער וועלט, נו, כאָטש אויף אַ פּאָר חדשים.

מ אַ ש אַ. אט באַלד וועסט דאס ביי איהם פּועל'ען, ווי דען!

ס אָ פ י אַ. אונז שאַדט דאָס ניט אַזוי.

(פּאַוזע. עס דערהערט זיך אַ שטאַרקער קלונג ביי דער טיהר).

ס אָ פ י אַ. (טוט שנעל אַ כאַפּ די נאָך ניט צונויפגעלעגטע בלעטלעך, וואַרפט זיי אַריין אין טשעמאָדאַן און שטעלט אַוועק דעם טשעמאָדאַן אין ווינקעל אויפ'ן קאַסטען).

מ אַ ש אַ. (קלאַפּט אין דער צייט מיט ביידע הענד אין די פערשטעלטע טיהר — כאַפּט אַרויף אויפ'ן קאָפּ אַ טיכעל און לויפט אַרויס אין פאָרהויז).

(די קלאַפּעריי אין דעם קעלער הערט מיט איין מאָל אויף).

אַ נ ט אָ ן. (לויפט אַרויס פון קעלער און ציהט שנעל אויף זיך אַרויף דעם רעקעל, וואָס היינגט אויף דער וואַנד לעבען דער פערשטעל־טער טיהר).

מ אַ ש אַ. (קומט אַריין פון פאָרהויז, האַלטענדיג אין דער האַנד אַ צייטונג מיט אַ בריעף; טוט אויס דאָס טיכעל). אומזיסט זיך דערשראָקען. דאָס איז געוועזן דער בריעף־טרעגער. „מאָסקאָווסקיא וויעדאָמאָסטי". (טוט אַ וואָרף די צייטונג אין ווינקעל).

אַ נ ט אָ ן. (אין כעס). קיין מינוט רוה האָט מען דאָ ניט, צו אַלל'די שוואַרץ יאָהר. (טוט אויס דאָס רעקעל, היינגט עס אויף אויף אַן אָרט און לאָזט זיך געהן צום קעלער).

מ אַ ש אַ. (עפענט דעם בריעף, נעמט אַרויס אַ פאָטאָגראַפיש בילד און דערלאַנגט דאָס סאָפיא'ן).

ס אָ פ י אַ. (קוקט אויף דאָס בילד מיט אַ שמייכעל). אַנטאָן, זעה אקאָרשט.

אַ נ ט אַ ן. (נעמט דאס בילד און פאַנגט אויך אָן צו שמייכלען). סעריאָזשקאַ!

מ אַ ש אַ. אייער זוהנדעלע איז דאָס? ווי־זשע קומט דאָס, אַז ביז איצט האָט איהר זיין בילד ניט געהאַט?

א נ ט א ן. (מיט א פארוואורף). ער האדעוועט זיך דאך ביי דער באבען זיינער, און אין קאפ ביי דער אלטינקער איז פול מיט אלערליי נארישקייטען: פאר וואס אין דער וועלט האט זי נאר ניט מורא! פאר א בייז אויג, א טאטער, א פאמעלע . . . נו, לאזט זי בשום אופן ניט פאטאגראפירען דאס קינד.

ס א פ י א. אט זעהסטו, סוף כל סוף איז זי פארט בייגעקומען איהר אבערגלויבען. פאר דער אונגעריכטער מתנה וואלט איך איהר אלע גלידער צוקוסט!

מ א ש א. א גוט מענש, דיין מאמע.

ס א פ י א. ניט געוועזן קיין בריעף?

מ א ש א. ניין, ניט געווען. וואהרשיינליך וועט מארגען אנקומען.

ס א פ י א. ס'ארא פארשוין! זיסקייט מיינע (זיפצט אב). ווען וועלען מיר זיך זעהן מיט איהם, אנטאשקא, הא? דו ביסט געפעהרליך אראב פון צורה. פריער פאר אלץ דארפסטו זיך גוט אויסרוהען. ווען דו וואלסט קענען די לופט איבערבייטען . . . (מיט א בעטענדער שטימע). ווייסט, וואס איך וועל דיר זאגען? נאמיר זיך אריבערכאפען אהין אויף א פאר טעג.

א נ ט א ן. משוגע, אויף מיין ווארט! וואס ווייבער קענען דאס אויסטראכטען! מיר וועלען נאך האבען גענוג צייט זיך אויסצורוהען, ווען מען וועט אונז פערפאקען אין טיורמע.

מ א ש א. גענוג שוין באלאמוטשען!

ס א פ י א. (קוסט דאס בילד און גיט איבער אנטאנ'ען; יעדער קוקט א מינוט אויף דאס בילד מיט צארטע בליקען און לעגט דאס אריין צו זיך אין קעשענע). אט וועסט שוין זעהן, ס'ארא גוטער רעוואלוציאנער עס וועט פון איהם ארויס! ווי ער ווערט נאר צעהן יאהר, באלד נעמען מיר איהם צו זיך, — אמת, אנטאשא? וואס? ער וועט שוין זיין פאר אונז א גרויסע הילף.

א נ ט א ן. ווען ער ווערט צעהן יאהר. הייסט דאס, נאך העכער פון זיבען יאהר צו ווארטען. פערשטעהסט צו ניט? גאנצע זיבען יאהר.

ס אָ פ י א. (שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ). יע, גאַנצע זיבען יאָהר.

א נ ט אָ ן. ביז יענער צייט, נאַרעלע, וועלען מיר פיעלייכט שוין אָבזיין זעקס יאָהר אין סיביר.

מ א ש א. דאָס איז א מענש! גאָט איז מיט אייך, אַנטאָשא, וואָס האָט איהר זיך היינט פאַנאַנדערגעלאָזען ווי אַן אַלטע קראָע? זאָגט בעסער, אַז צו יענער צייט, אין א יאָהר זיבען אַרום, וועט מען זיך שוין מעהר ניט דאַרפען בעהאַלטען (באַווייזט מיט דער האַנד אויף דער פערשטעלטער טיהר) אָט אין אַזוינע לעכער. עס קען זיין, אַז צו יענער צייט וועט אין רוסלאַנד דער פרייער געדאַנק זיך דרוקען ביים העלען שיין פון דער זון — און זיך פאַנאַנדערטראָגען אין אַלע עקען פון דער וועלט.

א נ ט א ן. אוי, ביסטו אַן אָפּטימיסטין! דאַכט זיך, דער גיהנם אַליין וועט דיך ניט איבערמאַכען. אין זיבען יאַהר אַרום, הא? אין היילע זיבען יאָהר! (געהט אין זיין קעלער, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ; פון דאָרטען דערהערט זיך די פריערדיגע קלאַפּעריי).

מ א ש א און ס אָ פ י א. (עפענען אויף דעם טשעמאָדאַן, נעמען אַרויס די בלעטלעך, וואָס זיי האָבען פריער אַהין אַריינגעוואָרפען, און נעמען זיך ווידער פאַר דער איבערגעריסענער אַרבייט).

ס אָ פ י א. (צו זיך אַליין). און אַננאַ איז נאָך אַלץ ניטאָ. (פּאַוזע). און וואַסילי ברייינגט אויך ניט צוטראָגען דעם פּאַס. איך פאַנג שוין אָן צו ציטערן, אויף מיין וואָרט. וואַהרשיינליך, איז ביי אונזער חברה ניט געוועזן קיין איין פּאַס, וואָס זיי זאָלען ניט דאַרפען האָבען פאַר זיך אַליין.

מ א ש א. ס׳אַרט דיר, ער וועט שוין דאָקאַזשען א פּאַס. וואַסילי זאָל ניט דאַקאַזשען! געפונען — ווער! (פּאַוזע). ווייסט וואָס, סאָפיא? איך פערשטעה איהם עפּיס ניט.

ס אָ פ י א. און איך אויך ניט.

מ א ש א. אָט דער וואַסילי, דער אייזערנער מענש, און ער זאָל זיך מיט א מאָל אַזוי בייטען. וואו איז אַהין געקומען זיין געדולד, זיין בעגייסטערונג? מיט וואָס פאַר א היץ ער פלעגט זיך דאָס דאָ אָבגעבען צו דער אַרבייט! און פּלוצלונג — נעלם געוואָ־

רען; קאם מיט לייד, מיט צרות, וואס ער האט געענדיגט דעם זאץ. איין גליק טאקי, דאס עס האט זיך געפונען באלד אנאנדערער אויף זיין ארט. — ווייסט ניט, מיט וואס ער איז פערכאפט געוואָרען פון העלער הויט?

ס אָ פ י א. שוין גאר ניט פון העלער הויט. כמעט א חדש צייט, ווי איך האב בעמערקט אין איהם אט די ענדערונג. היינט, האט ער געזאגט, וועט ער קומען צו אונז דעם לעצטען מאל. ער האט בדעה צו נעמען זיך פאר אנאנדער ארבייט. דער מין לעבען איז איהם געווארען איבערדריסיג.

מ א ש א. וואס-זשע טוט זיך מיט איהם? איך זעה, אז דו ווייסט.

ס אָ פ י א. בעשטימט ווייס איך קיין שום זאך ניט. אבער איך פיהל יע עפּיס.

מ א ש א. (פעראינטערעסירט). וואס פיהלסטו, וואס? זאג מיר, סאפיא.

ס אָ פ י א. איך זאג דאך דיר, אז איך ווייס גאר ניט בעשטימט. מיר דוכט זיך, אז אימיצער האט זיך אריינגע'גנב'עט צו איהם אין הארצען.

מ א ש א. איך האלט ניט אויס! (לאכט). געה — געה. וואסילי? ! עט... נארישקייטען!

א נ ט אָ ן. (געהט צו מיט א פרישען בינטעל בלעטלעך, וואס ער לעגט ארויף אויפ'ן טיש). נו, א דאנק דיר, גאטעניו! גע'פטר'ט.

מ א ש א. אלצדינג פארטיג? שוין?

א נ ט אָ ן. אודאי, וואס דען? יעצט, הייסט דאס, דארף מען שנעל צוזאמענפּען דעם זאץ. קומט, מאשא, העלפט מיר, אן עברה פערלירען די צייט. סאניא, דו וועסט שוין זעהן אויסצוקומען אהן מאשא'ן. ס'איז דאך געבליבען ניט א סך צו טאן. (פלוצלונג העכערט דעם קול). אבער ווי ניט-פארזיכטיג איהר זייט דאס. אוי, ווייבער, ווייבער! ווי פערשטעהט איהר דאס ניט אין דער אמת'ען, אז דארטען אנטקעגען שטעהט פיליכט בעהאלטען הינטער'ן פאר-האנג א שפּיאָן און זעהט אלץ, וואס מיר טון דא?

מאשא. (איראָניש). אוי, איהר מענש איינער ! אז איהר קענט ניט זעהן פון דאנען, וואָס עס טוט זיך דאָרטען, הינטער יענעם פּאָרהאנג, — טאָ ווי־זשע קען מען זעהן פון דאָרטען, וואָס עס טוט זיך ביי אונז הינטער דעם פּאָרהאנג ? איהר האָט אַ פּנים הנאה ווען איהר מוטשעט אונז, אנטאָשא!

אנטאָן. זיין פאָרזיכטיג קען אונז קיין מאָל ניט שאדען. סאָניא, זעץ זיך בעסער אָט אהער־צו. (סאָפיא זעצט זיך איבער, וואו אַנטאָן הייסט איהר). נו, מאשא, קומט יעצט.

מאשא. און דו וועסט דערווייל שטעהן אויף דער וואך. (געהט אַוועק מיט אַנטאָנ'ען אין קעלער. פון דאָרטען הערט זיך, ווי אַנטאָן פייפט, זיך סטאַרענדיג איינצוהאַלטען די שטימע).

אנטאָן. (פון קעלער). וואסילי בעוויזט זיך נאָך אַלץ ניט. איך האָב מורא, אז מיר זאָלען אַלע ניט ארייִנפאלען דורך איהם.

סאָפיא. (ענדיגט צונויפצולעגען די בלעטלעך, מאַכט צו דעם טשעמאָדאַן און שטעלט איהם אַוועק אין ווינקעל. עס דערהערט זיך אַ שאַרפער קלונג דריי מאָל נאָכאַנאַנד). ענדליך דאָ ! (געהט רוהיג אַוועק אין פאָרהויז; פון דאָרטען הערט זיך אַ געשפּרעך. זי קומט צוריק, מיט איהר —)

וואסילי. (22 יאָהר אַלט, די לאַנגע שווארצע האָר רינגלען ארום ווי אַ ראָמען דאָס בלייך, אויסגעמאָגערט געזיכט. ער איז אַ שוי־בער יונג. די הענד האלט ער צונויפגעלעגט הינטער'ן רוקען. לעגט ארויף אויפ'ן טיש אַ קליינעם, אָבער דיקען פּעקעל, פערבונדען מיט אַ שנירעל. רייבט זיך די פינגער). צום טייוועל זאָל דאָס געהן. ווי שווער ס'איז געווען צו טראָגען !

סאָפיא. (עפענט די פערשטעלטע טיהר). אנטאָשקא ! וואַ־סילי איז דאָ, מיט'ן פּאַס.

אנטאָן. (שרייט פון קעלער). גוט מאָרגען, וואַסקא. די מינוט געה איך אריין.

מאשא. (שרייט אויך פון קעלער). גוט מאָרגען, וואסילי.

וואסילי. וואָס טוט איהר דאָרטען יעצט ?

מאשא. יעצט צוזאַוואַרפען מיר דעם זאַץ.

וואסילי. וואס איז, אלץ איז שוין פארטיג?

סאפיא. (מאכט צו די פערשטעלטע טיהר; דערזעהט דעם פעד־קעל). וואס האט איהר דאס געבראכט? שריפט?

וואסילי. יע. שווער ווי מיינע צרות. קאם דערשלעפט. איהר פערשטעהט, אז האלטען דארף מען דאס פאר'ן שנירעל.

סאפיא. נו, ווי האט איהר זיך געפיהלט אויף דער פרייער לופט, נאך דער שטיקעניש ביי אונז אין דער חורבה?

וואסילי. מיר איז דארטען אויך ניט געווען לייכטער אויפ'ן הארצען. (קוקט אין פענסטער). ווי צושטרייט מיין קאפ איז! איך בין אריין גלייך און אפילו ניט א קוק געטאן א פריער אין פענסטער, צו מען מעג.

סאפיא. כל זמן דער טאפ מיט די בלומען שטעהט נאך אויפ'ן פענסטער, איז דאס א סימן, אז די געשעפטען געהן קיין עין הרע גוט. ס'קאן זיין, אז מען וועט אונז נאך לאזען א ביסעל ארבייטען.

וואסילי. ס'גלויבט זיך ניט. דו ווייסט גאר ניט, וואס עס טוט זיך הינטער די ווענד! שמוציג, בלאטיג, מען זוכט, מען לויערט.

סאפיא. וואס רעדט איהר!

וואסילי. די לופט איז א פערברודיגטע.

סאפיא. נאר דערציילט דאס ניט אנטאנ'ען, טוט מיר א טובה. ער איז שוין היינט אזוי אויך זעהר אונרוהיג. נו, און איהר וועט מן הסתם אוועק פון דאנען, זיך גוט אויסצולופטערן, הא?

וואסילי. ניין, ניין. איך בלייב דא. אבער מיט אייך גע־זעגען איך זיך, נאך היינט. אז אומגליק קען זיך אנטראגען יעדער מינוט. און וואלט איהר וויסען, ווי עס ווילט זיך דאס ניט אוועק־געהן פון אייך. פיער חדשים פערבראכט צוזאמען! ווען ביי מיר אין הארצען פלעגט זיך בעזעצען א שווארצער וואלקען, זייט איהר גע־ווען די ערשטע, די איינציגע, פאר וועמען איך האב געקענט מיין הארץ עפענען. ווי גוט עס איז געווען פאר אייך זיך מתודה צו זיין! איהר האט מיך פערשטאנען פון די ערשטע צוויי ווערטער...

ס אָ פ י א . און ביי איין איז דאָס הארץ תמיד פערוואָל־קענט, שוין אזא נאטור האָט איהר. ניט ריכטיג, וואָס ?

א נ ט אָ ן. (געהט אריין).

ו ו א ס י ל י . (באַווייזט אויפ'ן פעקעל). אָט דאָס איז פאר דיר, פרישע געבעק.

א נ ט אָ ן . א כוואט ! דער גאנצער אלף בית ?

ו ו א ס י ל י . איין אות פעהלט : „אי“.

א נ ט א ן . ווען־זשע —

ו ו א ס י ל י. היינט וועסטו דאס קריגען, זארג ניט. וואלסט וויסען, ווי דער שנירעל האָט געריסען מיין פלייש !

א נ ט אָ ן . (שרייט). מאשא, מיר האָבען א פרישען שריפט.

ו ו א ס י ל י . און אָט איז דער פאס.

א נ ט א ן. א דאנק דיר, רבונו דעלמא כולא! (קוקט אריין אין פאס). הייסט דאָס, קארל זאנטאָוו פון קיעוו. דו האָסט מיר אראָבגענומען א שטיין פון הארצען, אויף מיין וואָרט. דער פאָד־ליונגע סעמיאָן, אונזער דווארניק, איז שוין ברוך השם געווען היינט ביי אונז מיט א וויזיט. די מינוט שיקען מיר איהם אריין דעם פאס, זאָל ער זיך ווערגען מיט איהם, דער לומפ. (אריין מאשא. אַנטאָן אין א שפאס). ווייסט, מאשא מיט סעמיאָן'ען זיינען גאר ווי אנדערע צוויי.

(אלע לאכען).

מ א ש א . (לאַכט אויך). איך האָב שוין אזא מזל. וואָס קען איך זיך העלפען ?

א נ ט אָ ן . (באַווייזט אויף דעם צימער רעכטס). און ער שלאָפט נאָך אלץ. אפילו א רחמנות איהם אויפצואוועקען פון זיי־סען שלאָף, אָבער געה מאך בעסער ! ער דארף דאָך ווייסען, ווי מען רופט איהם און פון וואנען ער פיהרט זיין יחוס (געהט אוועק אין שלאָפצימער).

מ א ש א . (נעמט דעם פעקעל אין האַנד). אָט דאָס איז וואָס איך רוף א כשר'ע מתנה! מען וועט שוין יעצט מעהר ניט דארפען אנשטאט א „יע“ אוועקשטעלען אין זאץ אן אָבגעשליפענעם „אָ“.

באלד צושיט איך דעם שריפט איבער די קעסטלעך. (געהט אוועק אין די פערשטעלטע טיהר, האלב זינגענדיג) ליעבער שריפטעל, נייער שריפטעל . . .

וואסילי. (געהט איבער'ן שטוב הין און צוריק, נערוויזיש. סאפיא נעמט ניט אראב פון איהם די אויגען. מאכט נאך מאשא'ן). נייער שריפטעל, נייער — (אין דער הויך). ניטראגליצערין, סאפיא איוואנאוונא, ניטראגליצערין! אט דאס דארף מען היינט (פאוזע. מיט א רוהיגער שטימע). אננא איז דא שוין געווען?

סאפיא. (מיט א בעהאלטענעם שמייכעל). ניין נאך. אבער באלד וועט זי זיין, זיכער.

וואסילי. וואס לאכט איהר, וואס?

סאפיא. גאט איז מיט אייך! ווער לאכט? (שלאגט זיך איבער די רעד). איהר ווארט אויף איהר, יע, אמת? זי האט זיך וואהרשיינליך פערשמירט, און עס נעמט דאך א צייט, ביז וואנען מען וואשט זיך ארום. און אהער מוז מען קומען ריין אנגעטאן, אויסגעוואשען און אויסגעצוואגען. אנטאן ציטערט היינט עפים מעהר ווי אלע מאל. (זי קוקט די גאנצע צייט אויף וואסילי, וועלכער שפרייזט מיט ברייטע טריט אין אוקאס פון צימער). וואס טוט זיך מיט אייך — וואסילי? האט זיך וואס געטראפען מיט אייך? איהר געפעלט מיר נישט, וואסילי.

וואסילי. מען וועט דארפען בייטען דעם צוג, דער עקספרעס וועט גיכער ברייננען צום ציעל. א־ניט שלעפ זיך, שלעפ זיך. — מען קען משוגע ווערען!

סאפיא. יעצט פערשטעה איך שוין קיין איין ווארט ניט. איך, פאר וועמען איהר זייט זיך תמיד מתודה. וואו לויפט איהר, וואו? וואס טראגט אייך פון ארט?

וואסילי. איך לויף אהין, וואו עס ווערען לייכטער אלע וועהטאגען פון הארצען.

סאפיא. וואס איז דאס — מליצה?

וואסילי. (טרויעריג). טו העלפט־זשע מיר, גיט מיר אן עצה, ווי מען ווערט פטור פון דער טיעפער בייגקענים.

ס אָ פ י א. איך געדיינק, איהר האָט מיר א מאָל דערציילט, אז בשעת איהר זייט געווען אין פאריז, האָט אייך פערכאפּט אָט פונקט אזא טרויער, אזא ביינקענים, ווי איצטער. זי האָט אייך ניט געלאָזט לעבען. די ארבייט האָט אייך געצויגען צו זיך, געצוי־גען ווי מיט א מאגנעט — מיר האָבען אייך געווארענט, אז איהר זאָלט זיך ניט אָטוואזשען צו קומען אהער — מען האָט אייך געזוכט אין אלע ווינקעלעך — פון דעסטוועגען זייט איהר געקומען מיט א פרעמדען פּאס — און די ביינקענים איז נעלם געוואָרען, ווי מיט דער האנד אוועקגענומען.

ו ו א ס י ל י. יעצט איז די ביינקענים גאָר אנאנדערע — א סך ערגער און שטארקער.

ס אָ פ י א. איהר האָט שוין אזא נאטור.

ו ו א ס י ל י. איך בעט אייך, סאָפיא איוואנאָוונא, מאכט ניט חוזק פון מיר. א חוץ אייך וואָלט איך זיך גאָר געשעמט מיט אימיצען צו רעדען וועגען דעם. ביי אונזערע אין די אויגען וואָלט איך דאָך געהאט א פּנים פון א נארען! אלעמען׳ס הערצער זיינען יעצט אָנגעצונדען מיט׳ן היילינען פלאם, און ביי מיר ברענט גאָר א בעזונדער געפיהל, וואָס איך גופא קען דאָס ניט בעגרייפען. דאָס האָט שוין ארויסגעשטופּט אלע היילינקייטען, צו וועלכע איך האָב זיך געבוקט — א טעמפּעל בויט זיך דאָס אויס אין דער נשמה מיינער.

ס אָ פ י א. איהר ווייסט, וואָס נעטשאיעוו פלעגט זאָגען? אז וואָס מעהר ביי א רעוואָלוציאָנער איז פערפראָרען דאָס הארץ, אלץ בעסער טויג ער צו דער ארבייט.

ו ו א ס י ל י. ווער רעדט גאָר, אז נעטשאיעוו איז געווען א חכם. אָבער וואָס נוצט מיר זיין חכמה! צום אומגליק, צאפּעלט זיך נאָך מיין ארים הארץ. ווען איך האָב זיך געלערנט אין גימ־נאזיום, און די חברים מיינע פלעגען שרייבען גראַמען, זיך שוש־קענען איינער מיט׳ן אנדערן, קריגען בריוולעך פון פרייליגס אויף ראָזע־פּאפּיר, זיך ארומטראָגען מיט פאָטאָגראפישע בילדער, פלעג

איך לאכען פון זיי. איך האָב שטאָלצירט, דאָס איך אליין האָב ניט די דאָזיגע קינדישע חלאת. און דאָ מיט א מאָל — מיט א מאָל —

ס אָ פ י א . אלזאָ איהר זייט פערליעבט ? אָרימינקער !

וו א ס י ל י . איך האָב דאָס געוועלט ארויסרייסען מיט די וואָרצלען מיט אלעמען, אָבער צו טיעף שטעקען זיי. די וואָרצלען, מען וועט זיי קענען ניט אנדערש ארויסרייסען ווי צוזאמען מיט דער נשמה.

ס אָ פ י א . (ווייך). אָבער צו וואָס זאָלט איהר זיי וועלען ארויסרייסען ?

וו א ס י ל י . סאָפיא, איהר ווייסט גאָר ניט, ווי גרויס די יסורים זיינען. הערט נאָר. דו ביסט צוגעבונדען מיט'ן לייב און לעבען צו דער הייליגער זאך, און די געדאנקען ליגען גאָר אנדערש-וואו. דו ציילסט די שטונדען, די מינוטען, און קענסט זיך ניט דערוואַרטען, ביז זי וועט קומען. און אז זי איז ניטאָ, צונאָגט דיר דעם מח א בייגקענים —

ס א פ י א . (צערטליך). מיין ארימער איינגעלע ! איך האָב זיך שוין אליין אָנגעשטויסען אויף דעם אמת, ווען איהר זייט אנטלאָפען פון אונז.

וו א ס י ל י . (אין פערצווייפלונג). וואָס רעדט איהר, סאָפיא ? ניין, ניין . . . שיט מיר ניט זאלץ אויף די וואונדען. איך וועל אייך זאָגען, פאר וואָס איך בין אנטלאָפען. אראָבפאלען ביי אייך אין די אויגען — דאס וויל איך ניט. ווארט א ווײלע. איהר וועט זיך שוין איבערצייגען.

ס אָ פ י א . (מיט דער פריערינער צערטליכקייט). ווי נאיוו איהר זייט.

וו א ס י ל י . סאָפיא, טייערע, שוים-זשע פערשטעהט איהר ניט, ווי שרעקליך זי איז אָט די בייגקענים, די אונבעשרייבליכע און אונבעגרייפליכע, וואָס לאָזט זיך ניט בעוועלטיגען ? און ניט נאָר ווען זי איז ניטאָ. נייז, אפילו ווען מיר זיינען צוזאמען, פערגעהט מיר עפּיס אזוי מאָדנע דאָס הארץ, עס ציהט, עס רייסט, און איך מוז שווייגען, טראָגען אין זיך, פאר קיינעם ניט אויסזאָגען.

סאָפיא. איהר פאַנטאַזירט!

וואסילי. איך גּעה אראָב פון זינען! איך זעה דאָס און — קען זיך ניט העלפען.

סאָפיא. וואסילי, איהר רעדט דאָך ווי אַן עופ'על. א פרוי בלייבט א פרוי, ווען דאָס זאָל זיין אפילו (בלייבט שטעהן, זייערע בליקען טרעפען זיך; שנעלער) אפילו אננא ריקאנסקאיא. גלויבט מיר —

וואסילי. (אַ ביסעל בעליידיגט, מיט אונגעדולד). איהר רעדט, ווי איהר וואָלט זי ניט קענען. האָט איהר דען קיין מאָל ניט געהערט א וואָרט פון איהר? איך שטעל זיך נאָר פאָר איהרע אויגען. מיט ערשטוינונג קוקען זיי אריין צו מיר טיעף אין דער נשמה, מיט טרויער, כמעט מיט פעראַכטונג. „און דו, פרעגען די אויגען, וואגסט נאָך צו בעשמוצען אונזער הייליגקייט מיט נוצלאָזע פערזענליכע געפיהלען? מיט די געפיהלען פון אייגענליעבע, מיט אלערהאַנד נארישקייטען?“ סאָפיא, אַט די פעראַכטונג אריבערצוטראָגען פון איהר — דאָס איז איבער מיינע כחות! (מיט יאוש). פערשטעהט איהר מיך יעצט? עס קען זיין, אז זי איז א ביסעל נערעכט אויך. ווען מיר זאָלען זיך צוהערען צו דעם, וואָס עס שטערעמט ביי אונז אינעווענינג, וואָלטען מיר דאָך ארבייטען ניט געקענט ווי געהעריג איז! (מיט אונגעדולד). נאָר די ארבייט — די ארבייט —

סאָפיא. (לאַכט). ווי איך זעה, האָט איהר תביעות צו אונזער ארבייט. איהר זייט צו איהר אייפערזיכטיג?

וואסילי. (האסטיג). אודאי אייפערזיכטיג! דער ארבייט גיט זי אוועק די געדאנקען, די צייט, אלץ, אלץ, און פאר מיר בלייבט גאָר ניט. (רוהיגער). יעדערער פון אונז וועט דאָך מיט פרייד אָבגעבען זיין לעבען פאר דער זאַך. אָבער, פערשטעהט איהר מיך, סאָפיא, איך קען ניט וואַרטען, ביז וואנען מיין לעבען וועט אויסגעהן טראָפּענווייס, ביז וואנען די הארץ־נאַגענים וועט פון מיר מאכען א תל, און אַט דעריבער —

סאָפיא. און דעריבער וואָס?

וואסילי. ני־טראָ־גלי־צע־רין.

(א שטארקער קלונג).

אנטאָן. (לויפט אריין פון שלאָפצימער און טוט אָן שנעל־לערהייט דעם רעקעל).

סאָפיא. (קלאַפט אין די פערשטעלטע טיהר).

מאשא. (געהט אריין, טוט אָן א טיכעל אויפ'ן קאָפּ, לויפט ארויס אין פאָרהויז; פון דאָרטען קומט זי צוריק אין דער בעגלייטונג פון סעמיאָנ'ען און דעם אַקאָלאָדאָטשני נאַדזיראַטעל). מאדאם, דער הערר אַקאָלאָדאָטשני איז געקומען.

סעמיאָן. (געהט נאָך דעם אַקאָלאָדאָטשני מיט גרויס דרך ארץ).

אַקאָלאָד. (ביי דער טיהר, שטרענג). גוט מאָרגען. וואָס איז דער מעהר מיט אייך, מיין הערר? איהר ווייסט ניט, וואָס, אז אָהן א פּאַס טאָר מען קיין איין מעת לעת ניט זיין; און ביי אייך, מיין הערר —

אנטאָן. (מיט דער אויסערסטער העפליכקייט). — אהא. איהר האָט זיך אהער מטריח געווען מכח דעם פּאַס. דאס איז מיי־נער א קרוב, פון קיעוו, גראָד שלאָפט ער יעצט. דעם פּאַס האָט מען איהם שוין צוגעשיקט פון קיעוו. די מינוט ברייננג איך איהם. (געהט אוועק גיך אין שלאָפצימער).

אקאָלאָד. (בעקוקט די שטוב).

אנטאָן. (אין אַ ווייַלע ארום ביי דער טיהר). זייט אזוי גוט, הערר אקאָלאָדאָטשני, אָט אהער־צו. (ביידע געהן אוועק אין שלאָפצימער).

וואסילי. (שעפּצעט צו סאָפיא'ן). אננא איז נאָך אלץ ניטאָ.

סאָפיא. יע — ניטא. (געהט צו צום פענסטער, נעמט ארונטער דעם טאָפּ מיט די בלומען און שטעלט איהם אוועק אויפ'ן טיש). איך האָב ווידער פערגעסען צו בעגיסען די בלומען. מאשא, וואס טראכטסטו זיך?

מאשא. באלד ברייננג איך וואסער, מאדאם.

ס א פ י א. (ווערט אונרוהיג, געהט אוועק אין שלאפצימער).

מ א ש א. (שטעהט ביי דער פערשטעלטער טיהר, ווארפט פאר סעמיאן'ען). וואס האט איהר קיין ציט ניט געהאט און באלד גע־לאפען מעלדען אין פאליציי.

ס ע מ י א ן. ווי־זשע? דאס איז דאך מיין חוב. א־ניט לאזט מען אוים צו מיין קאפ. נאר בייזערט זיך ניט, טייבעלע מיינע. דאס הארץ איז ביי מיר א גוטס, איהר ווייסט דאס.

מ א ש א. ס'ארט איך. מען קען אייך שוין, דעם פיינעם סוחר.

ס ע מ י א ן. (שפילט זיך). זעה, מאשקע, מאשקע, שלייף ניט דאס צינגעלע. (בעקוקט די בילדער פון די קיסרים). וועלכער איז דא אונזער פאטערל?

מ א ש א. ער איז דא ניטא. דא זיינען די זיידעס זיינע. ביי־דע אלעקסאנדערס.

ס ע מ י א ן. איך פערשטעה עפים ניט.

מ א ש א. (ציינט אויף די בילדער). איהר זעהט צו ניט: אט א דאדערט איז אלעקסאנדער דער צווייטער, און דארטין — דער דריטער.

ס ע מ י א ן. נו, און וואו איז אהין געקומען דער ערשטער? די מעשה איז דא ניט גלאט. אן המצאה, כ'לעבען! דער ערשטער איז ניטא. טא פון וואנען, פרעג איך דיך, האבען זיך גענומען דער צווייטער און דער דריטער?

מ א ש א. (שמייכלענדיג, אונבעמערקטערהייט). אודאי זייט איהר גערעכט. וואס איז דא וואס צו רעדען!

ס ע מ י א ן. (א צופריעדענער). ווי־זשע? דאס איז דאך ווי א שטייגער מיט א מלבוש: דער רעקעל איז דא, די וועסט איז אויך דא, און די הויזען האט דער רוח צוגענומען.

מ א ש א. און נאך ווי גערעכט! מען דארף צוקויפען אלעק־סאנדר דעם ערשטען. איך וועל דאס טאקי היינט דערמאנען דעם בעל־הבית.

ס ע מ י א ן. איין עצה איז אלע מאל צו דער צייט. נו, מען

מוז געהן. אויף דעם אקאלאדאטשני, ווייזט אויס, וועט שוין אויס־קומען צו ווארטען אונטען.

מ א ש א. (אין א שפאס). און וואס וועט זיין, אז איך וועל אייך ניט ארויסלאזען פון דאנען?

ס ע מ י א ן. הא, הא! וועמען? מיך? (ווענדט זיך צו וואסילי, מיט חוצפה). א גוטען מארגען אייך, מיט רעשפעקט צו מעלדען! איהר האט אונז גאר אוועקגעווארפען. וואו וואוינט איהר יעצט, וואו? וויים?

וו א ס י ל י. (קורץ). יע. ווייט.

ס ע מ י א ן. הייסט דאס, אז מיר געהן. א גוטען. (געהט ארויס מיט מאשא'ן).

(עס הערט זיך א געשפרעך. ביי דער טיהר רעכטס באווייזט זיך דער אקאלאד.)

א ק א ל א ד. (העפליך ביז גאר, בעת אנטאן שטעקט איהם אין האנד א מטבע). דאס איז אלץ דער פריסטאוו שולדיג. אוי, איז ער א כעסן! (פערנייגט זיך). נעמט ניט פאר אומגוט. ווען ניט דער פריסטאוו... (געהט אוועק אין פארהויז).

א נ ט א ן. (בעגלייט איהם. קערט זיך אום). איין גליק, וואס דו האסט געבראכט דעם פאס. א־ניט, וואלט מען ניט געקענט זיך אב־טשעפען פון די הינד אפילו פאר א צעהנערל אויך ניט. און אזוי האט געקאסט נאר דריי רובעל. דעם פריסטאוו'ס צארן וועט א פנים פערבלענדט ווערען פון דעם שיין פון א דרייערל, און ער וועט זיך לאזען איבערבעטען.

וו א ס י ל י. (שטעלט אוועק דעם טאפ מיט די בלומען צוריק אויפ'ן פענסטער). האבען דעם אקאלאדאטשני פאר א גוטען פריינד איז ווערט געלד. יעצט האבען מיר שוין וועניגסטענס אבגע'פטר'ט זיין ערשטען וויזיט. און געזעהן האט ער א האר ניט. אבי איהר זארגט. נישט קשה, מיר האבען נאך א גרויסען גאט.

א נ ט א ן. איך געפין זיך היינט קיין ארט ניט. צו אלל'די שווארץ יאהר, זיי וועלען נאך קומען, די הינד. הא, וואס? דאס הארץ זאגט מיר.

(פון שלאפציםער געהט ארוים סאפיא, פיהרענדיג אונטער׳ן האנד טאנטאל׳ען).

טאנטאל. (א אידיש געזיכט, מאגער, קליינוואוקסיג, די ברוסט איינגעפאלען, מאכט דעם איינדרוק פון אן איבערגעהארעוועטען מענשען; די צוקודעלטע, שוין א ציוט ניט ארומגעשארענע באָרד גיט איהם צו א פערווילדערטען אויסזעהן; לאנגזאמע בעוועגונגען; רעדט שטילערהייט; דעם היילען האלז פערדעקט ער מיט׳ן אנגעשטעלטען קאל-נער, וועלכען ער האלט צו פון פארענט מיט איין האנד; אויף די פוס — מיעסטעס. ער זעצט זיך אנידער אויף דער סאָפאַ. בעת אנדערע רע-דען, שאקלט ער צו מיט׳ן קאָפּ מיט א מין מידקייט).

סאפיא. (צו וואסילי). אט האָט איהר פאר אייערע אויגען דאוויד קאהאן בכבודו ובעצמו — טפוי, וואס רעד איך, קארל זאנ-טאוו — דעם נאמען האָט מען אייך צו פערדאנקען, וואסילי, — אדער ווי געגאסען רופען איהם, אונזער גוטען טאנטאל׳ען. (ווענדט זיך צו טאנטאל׳ען באוויזענדיג אויף וואסילי). און דאס איז וואסילי, אונזער געוועזענער מיטארבייטער, וועלכער איז דא גע-ווען פאר אייך.

(מאשא קערט זיך אום פון פארהויז).

אנטאן. (אין שפאס, אבער מיט א געוויסען פארוואורף). דער טויגעניכטס האָט אזוי גוט געארבייט מיט אונז — גאנצע פיער חדשים — און מיט א מאָל — ווי נאר אבגעדרוקט די פיער-טע נומער — נעמט ער צונויף זיינע בעבעכעס— און (הויבט אויף די שטימע) ווערט נעלם, און עס בייסט איהם אפילו ניט דאס גע-וויסען.

וואסילי. טאנטאל וועט מיך נאך אריבעריאגען.

טאנטאל. (שמייכעלט, קאנטיג מיט אן אנשטריינגונג). נו, נו... באצייטענס גערעדט... (שטרעקט אוים וואסילי זיין האנד). א דאנק דיר פאר׳ן פאס — מיר האָט שוין סאפיא איוואנאוונא גע-זאגט.

וואסילי. אבער ווי קומט מען דאס אהער צופליען אהן א פאס? איהר זאלט זיין אזוי לייכטזיניג!

ט א נ ט א ל. פערשטעהט איהר מיך, אלץ איז געמאכט געווארען אזוי פלוצלינג — ווען דער חבר האט מיך צוגעכאפט, האב איך דאך קיין מינוט צייט ניט געהאט צו קלערען פון א פאס—קודם כל האט מען מיך אוועקגעזעצט לערנען אויף אויסוועניג אדרעסען. און אגב האבען מיר גוט געוואוסט, אז אין א פאס וועט קיין מניעה ניט זיין — די סחורה איז ביי איך ניט צו פערזינדיגען פראן גענוג — איך האב געהאט ביי זיך א חפץ, וואס איז א פולע טייערער פון א פאס. (נעמט ארויס פון קעשענע א רעוואלווער). אט דערמיט בעשיצט מען זיך פון די זשאנדארמסקע לאפעס, און ניט מיט א שטיקעל קאזיאנע פאפיר. (בעהאלט צוריק דעם רעוואלווער. אויף זיין פנים באווייזט זיך דער אויסדרוק פון שרעק). אהין וועל איך זיך שוין מעהר ניט אומקערען, זייט זיכער.

(אלע קוקען איהם אן מיט בעדויערן און בעוואונדערונג).

ט א נ ט א ל. (אזוי ווי אויפגעכאפט, העכערט די שטימע). פערשטעהט איהר גאר, וואס פאר א גיהנם דאס איז — צו וויסען, אז דארטין, דערביי, הינטער א שטיינערנער וואנד, זיצט ווי א חיה אין שטייג דיינער א חבר, און וואס פון טאג ווערט ביי איהם אלץ מעהר און מעהר פערטונקעלט דער מח. און אין קאפ גראבט זיך די שרעקליכע פראגע: ווי לאנג נאך וועסטו אליין דארפען ווארטען אויף אזא סוף?

(אלע שטעלען זיך ארום איהם און הערען זיך צו צו זיינע רעדגעשפאנטערהייט).

ט א נ ט א ל. (נאך א פאוזע). אדער אזא זאך. דו האסט נאר וואס איינגעדרעמעלט — און שוועך קומט דארטען אן, איידער דער שלאף פערקלעבט די אויגען — מיט א מאל רייסען זיך אריין אין דיין קאמער זשאנדארמען — דורך לאנגע פייכטע קארידארען פיהרט מען דיך צו דער אונטערזוכונג — מען דערציילט דיר, אז דער אדער יענער חבר האט זיך אין אלצדינג מודה געווען, און זיי וועלען דערפאר אבקומען מיט א לייכטער שטראף — און דיך פאר דיין עקשנות וועט מען האלטען, ביז דו וועסט פערפוילט ווערען לעבעדיגערהייט. און אגב וואס העלפט דיר דער שווייגען? ער, דער

פראקוראר, ווייס שוין סיי ווי סיי פון די איבעריגע בעשולדיגטע, ווער און וואס. (רעדט וואס ווייטער אלץ העכער, אלץ אויפגערעגטער, אלץ נערוויואישער). און דו שווייגסט אין געברענטע יסורים און נעמסט צווייפלען אין די אייגענע חברים דיינע — דער מח קען פלאצען! (מיט א טיעפען טרויער). מען פיהרט דיך אב אין דיין שטייג. און מיט א מאל דערזעהסטו אין א פריה־מארגען, ווי דער זעלביגער ברודער, אין וועלכען דו האסט די לעצטע צייט געצוויי־פעלט — דער פראקוראר האט דאך גע'טענה'ט, אז ער האט זיך בלומרשט מודה געווען — דערזעהסטו דורך די גראטעס, ווי דער ברודער געהט ארויף קאלטבלוטיג אויפ'ן גאלגען. דאס הארץ ווערט שיער ניט צוריסען פון חרטה. איך האב געוואגט צו ווארפען א חשד אויף זיין הייליגע נשמה! אוי ווער, ווי דערוויסט מען זיך כאטש, אז ער האט מיר מוחל געווען. איך וואלט כאטש וועלען, אז ער זאל א ווארף טאן צו מיינע גראטעס זיין לעצטען בליק. אט זיינען שוין באלד געענדיגט די הכנות צו דער תליה. די אויגען פון פער'משפט'ן שוועבען אין דער לופטען; לאנגזאם הויבען זיך אויף אין דער הויך, מיין בלוט ווערט פערגליווערט, אונזערע בליקען בעגעגענען זיך. (פערמאכט די אויגען ביי די ווערטער). אט דער בליק זיינער האט גע־דארפט אויפטרייסלען גאנץ אייראפא און א פרעג טאן ביי איהר מיט ענטריסטונג: ווי לאנג נאך? (ווערט אויף א רגע אנטשוויגען). דער תליון ציעט אן די פעטליע אויפ'ן האלז, אבער ער שרייט אויס מיט די גאנצע קרעפטען (זעהר הויך): „עס לעבע די סאציאלע רע־וואלוציאן!"

(דערשראקענע, קוקען זיך אלע אום אויף דער טיהר און דעם פענסטער).

ס א פ י א. (שנעל). קיינער האט ניט געהערט, בערוהיגט זיך.

מ א ש א. (געריהרט). ווער איז דאס געווען?

ט א נ ט א ל. (אין דער שטיל). מעלעצקי.

א ל ע. (מיט אכטונג און מיטלייד). מעלעצקי?

(פאוזע. מען גיט דריי מאל א קלונג).

ס א פ י א. (שטעהט אויף). אניוטא — (געהט אין פארהויז און קומט באלד צוריק מיט —).

א נ נ א ר י ק א נ ס ק א י א. (26 יאהר אלט, שלאנק געבויט, לאנגע בלאנדע האָר, פון פארענט מיט א שייטעל און פון הינטען צוזאַמענגענומען אין א קנויל; אנגעטאן אין שווארצען, מיט אן אבגעלעגטען געקראכמעלטען קראגען; טראגט א לאנגע און דינע פעלערינע. ביי יעדער געלעגענהייט הערט מען איהר זילבערנעם קינדיש־הערצליכען געלעכטער. בעת זי רעדט ערנסט, מאכט זי ענערגיש מיט די הענד; בעזיצט א סך חן, דעם באזונדערן פרויען־חן. גיט אלעמען די האנד. ווענדט זיך מיט אכטונג צו טאטאל'ען, וועלכער איז געבליבען זיצען אויפ'ן סאפא). איהר זייט דאס דאוויד קאהאן, דער טאנטאל? איך האָב אייך געפונען שלאפען, ווען איך בין דא נעכטען געוועזן. (דריקט טאנטאל'ען די האנד. יענער שמייכעלט און הויבט זיך אויף פון ארט, אבער ווערט שרעקליך מיד, און לאזט זיך אראב אויף א שטוהל). א פולע מענשען איז ביי אייך היינט. כאטש איין איינציגען מאל איז פרייליך געווארען אין דער חורבה — (לאכט).

מ א ש א. (שאקעלט מיט'ן קאפ). יע, פרייליך — זעהר פרייליך —

ס א פ י א. (צו אננא). זעה נאר, ווי פערמאטערט דו ביסט, וואס איז דער מעהר?

א נ נ א. הערט נאר, קינדער, וואס מיט מיר האָט פאסירט. איך געה ארויס אין גאס, און אין א ווייל ארום בעמערק איך, אז עס געהט מיר נאך א מלאך. נו, קלער איך, ביסט אריינגעפאלען, פויגעלע. ווי קריכט מען דא ארויס פון דער בלאטע? צוריק אהיים טאר מען ניט געהן, צו אייך אודאי ניט. כאפ איך זיך שנעל ארויף אויף א דראשקע — אין א פערטעל שעה ארום בין איך שוין לעבען הויז נומער 56, וואס האָט א דורכגאנג — איך קריך ארויס — א קלאג איז צו מיר — דער זיסער מלאך שלעפט זיך אויך ארויס פון א וואגען — איך פליה אריין אין הויז — ביי דעם אנדערן טויער שטעהט, צו מיין גליק, א לעדיגע דראשקע, איך — אין איהר, דער־

נאך צוויי־דריי אנדערע הייזער מיט א דורכגאנג, און מיין גרויסער חכם בלייבט מיט א נאז. (לאכט).

ס א פ י א. דו ביסט זיכער, אז ער איז ניט געפאלען אויף דיין סליאד?

א נ נ א. דו קענסט זיך שוין פערלאזען אויף מיר, א־ניט וואלט איך דאך אהער ניט געקומען.

ס א פ י א. (צו טאנטאל'ען. אננא שמייכעלט מיט צערטליכקייט). דאס איז אונזער ליעבינקע פויגעלע. זי פערבינדט אונז מיט דער אויסוועניגסטער וועלט — קריגט פאר אונז פאפיר, גיט איבער בריף, ברייננט אלערליי ידיעות — דער בריפטרעגער ברייננט נאר בריף פון דער היים און (שמייכלענדיג) די „מאסקאווסקיא וויעדא־מאסטי". (אלע לאכען).

ס א פ י א. (בעווייזט אויף די בילדער פון די קיסרים). יע, אט דאס אלץ איז נויטיג ווי גאלד. (צו אננא). וואס האסטו היינט גע־בראכט, מיין טויבעלע?

א נ נ א. (צו אנטאן'ען). אנטאשא, קומט נאר אהער. איך האב דא פאר אייך צוויי בריף פון פעטערבורג — עטליכע מאנוסקריפ־טען — קארעספאנדענצען פאר דעם „פאקעל" — און צוויי פרא־קלאמאציעס — איינע מכח דער מאביליזאציע, די צווייטע וועגען דעם סטרייק. די פראקלאמאציעס מוזען ארויס וואס גיכער. די נומער איז דאך שוין פארטיג, ניט אמת?

ס א פ י א. הערסט, שוין לאנג. מיר ווארטען נאר אויף דיר. גלייך פאק איך אלץ איין.

א נ נ א. מען קען אלזא אנהויבען צו ארבייטען. מיט דער פראקלאמאציע וועגען סטרייק איילט זיך אונטער. זי מוז זיין פאר־טיג צו מארגען פריה.

ס א פ י א. (נעמט ארויס פון טשעמאדאן די פריער צונויפגע־לעגטע בלעטלעך און וויקעלט זיי איין אין די „מאסקאווסקיא וויעדא־מאסטי", וואס מאשא האט אראבגעשליידערט פון טיש. אין א שפאס). איהר זעהט, פון „מאסקאווסקיא וויעדאמאסטי" האט מען א מאל אויך א שטיקעל נוץ.

א נ ט א ן. (געהט אוועק אין קעלער מיט די פאפירען, וואס אננא האט איהם איבערגעגעבען, קערט זיך אום און גיכען צוריק).

מ א ש א. (האט געכאפט א פליג אויפ'ן פארהאנג און שפילט זיך מיט איהר). זעהט נאר, די ערשטע פליג.

וו א ס י ל י. מאשא, לאזט זי אב, מוטשעט זי ניט.

מ א ש א. (לאכט).אוי, ס'ארא ווייך הארץ איהר האט! (לאזט אב די פליג). פון מיינטוועגען...

ס א פ י א. (האלט אין פאקען, רייצט זיך מיט איהם). נו, און צו וואס דארפט איהר ניטראגליצערין?

וו א ס י ל י. (שארף). פאר פליגען געווים ניט.

(אלע לאכען).

ס א פ י א. (לעגט ארויף אויפ'ן טיש דעם פארטיגען פעקעל). די איבעריגע נומערן לאז איך איבער פאר'ן היגען מארק. אין הויז איז מעהר קיין נומער ניט געבליבען.

א נ נ א. האט איהר אין דער פראווינץ שוין אלץ אוועקגע־שיקט?

ס א פ י א. נאך נעכטען — דו ווייסט דען ניט, וואס?

א נ נ א. (צו טאנטאל'ן). וואס הערט זיך נייעס אין פעטער־בורג?

ט א נ ט א ל. (אין א שפאס). וואס זאל זיך הערען? אויף א דחקות אין זשאנדארמען קענען מיר זיך ברוך השם ניט בעקלאגען.

(זיי לאכען).

א נ נ א. ווען מיר האבען דערהערט מיט א פאר חדשים צו־ריק, אז איהר זייט ארייננעפאלען, האט זיך אונז גאר ניט גע־גלויבט, דאס מיר וועלען נאך א מאל ווידער דערזעהן טאנטאל'ן אין אונזערע רייהען. (פול פרייד). און אט זעהט איהר — דערלעבט.

ט א נ ט א ל. נ־יע. זיך ארויסגעגראבעלט.

וו א ס י ל י. און יעצט פליהט איהר ווידער צו זיי גלייך אין די הענד אריין. א חכמה! איהר האט זיך געדארפט א־פריער אויסלופ־טערן, און ניט פון איין טורמע ארויס, אין די אנדערע אריין. און

וואו נאך! אין דער דרוקעריי, אין א לעבען ווי אין קאטארגע. אין אויסלאנד וואלט געווען לופטיגער, נו, און זיכערער אויך.

ט א נ ט א ל. (הויבט זיך אויף, א ביסעל ענטריסטעט). איהר אליין זייט שוין דארטין געוועזען. האט איהר עפּיס א לאנגע צייט געקענט אויסהאלטען? א סך האט איהר געקענט זיצען רוהיג, בעת איהר האט געהערט, ווי אנדערע לעגען דא אוועק זייער לעבען פאר דער הייליגער זאך? (בייט דעם טאָן). דארטין, אין טיורמע, פער־שפּארטערהייט, נאגט דיך טאג און נאכט דער געדאנק, אז דו קענסט פאר דער זאך גאר ניט אויפטאן — כאטש שלאג זיך קאפּ אן וואנד! אבער זאגט נאר, האט איהר געקענט ביי זיך פּועל'ען צוצוטמען די פרייע לופט, בשעת דא — (עס כאפּט איהם אן א שטארקער הוסט. ער לאזט זיך ארונטער אויף א שטוהל).

ט א נ ט א ל. (קומט צו זיך). אבער הערט, וואס איך וועל אייך זאגען. צו זיי אין די לאפּעס וועל איך שוין מעהר ניט ארייגפאלען לעבעדיגערהייט. (ער פערהוסט זיך ווידער. וויל שטילען דעם הוסט, קען אבער ניט, און אן אויסגעמאטערטער לאזט ער ארונטער דעם קאפּ אויף דער האנד, וואס ער האלט אויפ'ן טיש).

א נ נ א. (אין דער שטיל — ווינקענדיג אויף טאנטאל'ען). מיר האבען נאך גרויסע מענשען —

וו א ס י ל י. (אין פערלעגענהייט). יע, אמת. (ענטשלאסענער). אבער גלויבט מיר, אננא אנדרעיעוונא, עס זיינען פראן מענשען, וועלכע טראגען אין זיך א סך טיפערע יסורים —

ט א נ ט א ל. (איז אויפגעשטאנען פון ארט, מיט א שוואכער שטימע, קאם וואס מען הערט איהם). די אנוסים זיינען געווען בשר ודם'ס; די רוסישע רעוואלוציאנערען זיינען אויך ניט מעהר ווי מענשען... איך געה זיך ווידער לעגען (דערלאנגט אננא'ן די האנד). מיר וועלען זיך זעהן גאנץ אפט, הא?

א נ נ א. (שמייכעלט). אודאי. איהר ווייסט, איך קום דאך אהער אלע טאג געבען א פראנצויזישע לעקציאן. אזוי האט מאשא געלאזט וויסען דעם דווארניק.

ט א נ ט א ל. (צו וואסילי). און אייך ווינש איך גליק אין אלע אייערע אונטערנעמונגען פאר דער הייליגער זאך. (הוסטענדיג, שלעפט ער זיך אוועק אין דעם הינטערסטען חדר).

(אלע פאלגען איהם נאך מיט די אויגען).

וו א ס י ל י. (נערוויואיש). אט אזא סוף ווערט פון אונז אלעמען.

א נ נ א. פון דעסטוועגען גיבען מיר זיך נאך ניט אונטער.

וו א ס י ל י. ווער ווייס?

א נ נ א. (אין איהר שטימע הערט זיך א וועהטאג). און אזוי רעדט איהר דאס, וואסילי...

וו א ס י ל י. יע, מען זאל זיך ניט צואיילען...

א נ ט א ן. אדרבא, זאגט, ווי אזוי איילט מען זיך דאס.

וו א ס י ל י. ווי לאנג, מיינסטו, וועט מען דיר לאזען דא זי־צען און דרוקען דיינע בלעטלעך? אונגעריכטערהייט, ווי עס קומט א בליץ פון א קלארען הימעל, בעפאלען דיך די בלוט־הינד —

א נ ט א ן. (מיט א געמאכטער גלייכגילטיגקייט). נו, איז וואס?

וו א ס י ל י. אודאי גאר ניט. אלץ איינס היינגט מען אונז דאך. ווענינגסטענס, זאל כאטש זיין פאר וואס.

א נ ט א ן. וועלען קומען אנדערע און דרוקען די בלעטלעך. ניט אונזערע שטערבונגען און ניט אונזער אידעאל געהן דאך ניט אונטער אין דער מינוט, וואס דעם תליון׳ס האנד פרעסט ביי אונז ארוים פון דער ברוסט דעם לעצטען אטעם. געהן דאך ניט אונטער אין דער מינוט, וואס עס פערקלאפט זיך הינטער אונז די טיהר פון דער טיורמע. צו אונזער פאהן שטעהן צו אלץ נייע און נייע מחנות, יונגע, שטארקע...

וו א ס י ל י. (טרויעריג). און אלץ נייע און נייע מחנות, יונגע, שטארקע, פערליערען זייערע לעבענס אויף דעם גאלגען אומ־זיסט און אומנישט. דורות געהן אוועק — און מיר טופען זיך נאך אלץ אויף דעם זעלבען פלאץ, נאך אלץ ווייט פון ציעל, אנטאשא.

א נ ט א ן. אבער דער אנדיינקען פון די מארטירער, וואיסקא, וועקט אין די הערצער א נייע לוסט צום קאמפף, און מען וועט

קעמפּפען אזוי לאנג, ביז וואנען די זיסע חלומות אונזערע וועלען ניט מקוים ווערען.

וואסילי. (ביטער). יע, חלומות, מעהר ניט ווי חלומות. מיר וועלען ניט דערלעבען אפילו צו זעהן אן אנהויב פון דעם ליכ־טיגען טאג.

אנטאן. א דאגה א גרויסע! זאלען איבער די טויטע קער־פּער אונזערע מארשירען די נאכפאלגער מיט א נצחון־געשריי. זאלען די קערפּער אונזערע זיין דער בריק, וואס פיהרט אריבער צו דער בעסערער צוקונפט.

וואסילי. (מיט אונגעדולד). דורך אונזער שעפּסענע גע־דולד פילען מיר אן די טורמעס און די קאטארגע. די שעה פון נקמה נעמען איז שוין געקומען, פיהלט איהר זי ניט? גאנץ רוסלאנד איז ווי איין קאמער מיט פולווער. עס פעהלט נאר דער פונק —

אנטאן. דו חלומ׳סט, ברודערל! נאך לאנג צו ווארטען — (שאקעלט מיט׳ן קאפּ). ניט איין וואסער וועט איבערלויפען, ביז וואנען דער בלייענער שריפט וועט זיך פערוואנדלען אין דינאמיט.

וואסילי. ס׳ארא בלינדע קנורען איהר זייט! די גראשענע ארבייט האט אייך די אויגען פערבלענדעט. קאם וואס איהר ריהרט זיך, ווי שנעקען, ווי ווערים...

סאפיא. עס איז נאך ערב יום טוב. צום בעדויערן—

וואסילי. און איך זאג אייך, אז עס נעמט שוין ווערען טאג — שוין צייט אויפצושטעהן — שוין צייט זיך אוועקצולאזען אויפ׳ן שטורם פון דער באסטיליע —

אנטאן. (מיט׳ן פריערדיגען טאן). אזא מין אפּטימיסט, ווי דו ביסט, האב איך אין מיין לעבען ניט געזעהן. נאך א סך, א סך ארבייט, ברודער — זיי ליגען נאך פערזונקען אין א טיעפען, טיע־פען שלאף —

וואסילי. וואו זיינען די אויגען דיינע? טו נאר א קוק, ווי עס זעהט אויס א נומער פון „פאקעל“ אין צעהן טעג ארום נאך זיין ארויסגעהן: זי איז שווארץ, צופליקט, צוריסען, ווי זי וואלט דורכגעגאנגען הונדערטער הענד. און אזוי איז דאס טאקי.

א נ ט א ן. אבער וואו? אין צוויי־דריי שטעדט. און הינטער די דאזיגע שטעדט — אין די טויזענדער שטעדטלעך און דערפער — דארטין שלאפט מען נאך ווי פער׳כשופ׳טע — אהין איז אונזער שטימע נאך ניט דערגאנגען —

וו א ס י ל י. (אויפגערעגט). דערמיט, וואס מיר וועלען טראַ־פּענווייז אויסגעהן פון בלוט, וועלען מיר ווייט ניט אוועק — דעם גבור הינטער די שטעדט וועסטו ניט אויפהויבען, ווען דו זאלסט צו איהם טענה׳ן פון היינט ביז מארגען, דאס ער האָט ניט וואו זיך א קער צו טאן — ער וויים דאס אהן דיר אויך. און אז דו זאגסט איהם, דאס דו ווילסט איהם העלפען, גלויבט ער דיר ווי דעם ווינד. אבער באווייז איהם בלוט; ניט איין קאלוזשע בלוט, נאר גאנצע שטראמען, אז די וואלגא, די דווינא, די ווייקסעל זאלען קאכען מיט בלוט, ערשט דעמאלט וועט ער א כאפּ טאן די קאָשע און זיך אוועק־לאזען מיט אונז. (שעפּצענדיג). דעמאלט וועט זיך דערהערען דער קול פון בלוט — וואס וועט שרייען: נקמה! — אלץ שארפער, אלץ עקשנות׳דיגער — ער ט ר י י ב ט דעם גבור אויף די בלוטיגע חתונה — און ער וועט ניט שטילער ווערען, ניט לאזען איהם רוהען, כל זמן (שווער אטמענדיג) כל זמן דער שונא אטעמט נאך —

א נ נ א. (געזעסען די גאנצע צייט און זיך צוגעהערט. שפּרינגט מיט א מאל אויף און בלייבט שטעהן אין מיטען צימער. אין אנהויב רעדט זי אין דער שטיל, דערנאך אלץ העכער און העכער, וועדליג ווי עס וואקסט איהר בעגייסטערונג). מען דארף קלינגען אין די שטורם־גלאק — מעכטיג מוז הילכען די גלאק, אז גאנץ רוסלאנד זאל דער־הערען — שוין מעהר קיין צייט ניטא, אנטאשא, צו וועקען יעדערן באזונדער, צו קלאפּען באזונדער אין יעדע טיהר — קלינגען מוזען מיר אין די גרויסע און מעכטיגע גלאק פון בלוט, און דאן, זייט זי־כער, וועט דער פויער שוין אויפשטעהן. וועמען מען שינדט די הויט לעבעדיגערהייט קען ניט שלאפען — דער וואמפּיר, וואס האָט זיך איינגעביסען אין לייב מיט זיינע טויזענדער נעגעל, ער וועט איהם ניט לאזען שלאפען. עס וועקען איהם די פּאראטקעס, וואס דער צאר קלייבט; עס וועקט איהם די מלחמה; עס וועקט איהם דער שוואר־

צער שאטען פון הונגער און די נויט. און עס וועקט איהם אפילו דער הימעל גופא, וועלכען ער האט איבער'ן קאפ ביי זיך אין כאלופקע, ווייל דעם שטרוי פון דאך האט ער שוין לאנג אראבגעריסען פאר זיין איינציג אויסגעהונגערט פערדעל. זיי וועלען שוין פערשטעהן דעם קלאנג פון אונזער גלאק, דער גלאק פון בלוט. יעצט וועלען זיי בעסער פערשטעהן. וואס ווייטער עפענען זיך דאך אלץ מעהר די אויגען ביי זיי. און די גלאק פון בלוט וועט זיי ברייגנען מעהר ליכט, ווי טויזענדער שטראהלען פון דער זון, ווי טויזענד נומערן פון „פאקעל". יעדער קלאנג פון דער גלאק פון בלוט — דאס איז א לע־בען פון א מענשען...

(עס ווערט ביסלעכווייז פינסטער. אלע הארכען זיך איין, פער־זונקען אין טיעפע געדאנקען, די אויגען אנגעשטעלט אויף אן אונבע־שטימטען פונקט. נאר וואסילי, וועלכער שטעהט אנגעשפארט אן דעם רוקען פון דער סאפא, לאזט ניט אראב די אויגען פון אננא'ס גע־זיכט).

א נ נ א. און מוט וועלען זיי געפינען אין דער נשמה זייע־רער — און פערשטעהן וועלען זיי, אז א הייליגער, און ניט א פער־ברעכער, קלינגט דאס אין דער גלאק און בעצאהלט מיט זיין לע־בען. און מיר וועלען ניט אויפהערען צו קלינגען, אלץ שטארקער, אלץ העכער! א שרפה! א שטורם! דער יום הדין איז געקומען! דאס, וואס עס האט פריער געטליעט, וועט זיך יעצט פאנאנדערפלאקערן אין א העלען פלאם! און צוגעהן וועט דער אייז פון דעם לאנגען, פינסטערן, קאלטען ווינטער — און עס וועט אנהויבען צו בליהען — די לעבעדיגע וועט די גלאק רופען צום לעבען — זי וועט א קום טאן די פרינצעסין, וועלכע ליגט און שלאפט אין דעם פערצויבערטען פאלאץ, — און אין דעם פאלאץ וועט אלץ אויפלעבען פון סאמע אויבערשטען גארן ביז דער קעלער־שטוב. און די אויפגעוועקטע וועלען ארויס פון שלאס אויף די קלאנגען פון דער גלאק פון בלוט— זיי ציטערן שוין מעהר ניט פאר דעם קנוט, דעם גאלגען און די הארמאטען — יעצט שארפען זיי אן די קאשעס — און דורך די

פינסטערנים שטרעקען זיי אויס די פערמאַטערטע הענד זייערע צו דער ליכטיגער צוקונפט...

(עס איז שוין געוואָרען גאַר פינסטער, און אין צימער פאַלט אַריין דער שיין פון דער לאַמטערנע אין גאַס. מען זעהט נאָר די סילו־עטען פון סאָפיא, מאַשא און אַנטאָן, וועלכע זיצען אונבעוועגט. וואַסי־לי שטעהט מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ. אַננאַ, ביי די לעצטע ווערטער, שטרעקט אויס די הענד און האַלט זיי אַזוי אַ קורצע ווײַלע).

ס א פ י א. (הינגעריסען, אין דער שטיל). איהר הערט? איהר הערט? די טענער פון דער גלאָק פון בלוט רופען, שרייען, זינגען...

מ א ש א. (מיט דעם זעלבען טאָן). — און מיליאָנען קאַשעס גלענצען — זעהט, ווי מוטיג זיי אַרבייטען מיט זיי...

א נ נ א. (מאַיעסטעטיש). — און זיי ברייגען אונז דעם מאָר־גען־שטערן...

א נ ט א ן. (אין אַ שטימע, וואו עס הערען זיך פערבאָרגענע יסורים). אוי, גאַטעניו!... זעה נאָר, ווי הויך מען פערקריכט דאָס!

א נ נ א. — און זיי ווייקען אויס די קאַשעס אין דעם בלוט פון די טיראַנען און זעטיגען אַן מיט איהם די פעלדער פון פאַטער־לאַנד — און ס'אַרא גערעטענים עס וועט זיין אויף די פעלדער! ס'אַרא זול!

מ א ש א. (מיט פרייד און צווייפעל). און די קנעכטשאַפט איז שוין מעהר ניטאָ?!

א נ נ א. (מיט נצחון). ניטאָ שוין מעהר די קנעכטשאַפט. עס בליהט אויף דער בוים פון פרייהייט. און העל לויכט די זון. די שווערע וואָלקענס, די שוואַרצע וואָלקענס, וואָס פערשטעלען די זון פון אונזערע אויגען, זיי האָט דער ווינד צוריסען — און רוסלאַנד איז פריי!

ס א פ י א. (פול האָפנונג, דאָך אונגלויביג, חזר'ט איבער). פ ר י י ?!

א נ ט א ן. (זיפצט, דערנאָך מיט אַ ביטערער ענטטוישונג). חלומות, פוסטע חלומות! וואָס האָט זיך ביי אייך פאַנאַנדערגעהו־

ליעט די פאנטאזיע פון העלער הויט! קינדישע חלומות! מעהר גאר ניט — (שטעלט זיך אוועק אויף א שטוהל און צינדט אן די לאמפּ).

סאפיא און מאשא. (זיצען נאך אלץ פערטרוימט, די אויגען בליטצען).

אננא. (אין א ווײלע ארום, לײדענשאפטליך). און אט פאר דעם נצחון, זאגט איהר אלײן, איז ניט גלײך צו בעצאהלען מיט די גרעסטע קרבנות? מיט די שרעקליכסטע יסורים? וואס האט פאר א ווערדע דאס לעבען פון איין מענשען, ווען מען קען נאר ארונטער־ברײנגען דעם העלען טאג מיט איין מינוט פריער? וואס פאר א בעדייטונג קענען האבען די פערזענליכע יסורים אין פערגלייך מיט די יסורים פון אונזער ארימען רוסלאנד, יסורים אהן א סוף און אהן א ברעג? איך גלויב, און מיין גלויבען איז שטארק ווי אייזען, אין דער מאכט פון דעם קרבן, אין דער מאכט פון דעם אונשולדיג פער־גאסענעם בלוט —

וואסילי. (פערצווייפעלט). וואס־זשע פארדערט איהר פון אייער גלויבען?

אננא. אז צו דער זאך זאל מען זיך אוועקגעבען מיט אלע־מען. קיין שום פשרות טארען ניט געמאכט ווערען מיט א פערזענלי־כער שוואכקייט אדער א פערזענליכער צרה —

וואסילי. (אויפגערעגט, טוט א ווארף אויפ'ן טיש מאשא'ס בוך, וואס ער האט געהאלטען א ווײלע). ווענינגער גערעדט און מעהר געטאן! (שפרייזט נערוועזיש איבער'ן צי־מער. אלע קוקען איהם אן. ער פיהלט דאס און בלייבט שטעהן, בעמערקט א פארוואורף אויף אננא'ס געזיכט און לויפט צו איהר צו). זייט מיר מוחל, אננא אנדרעיעוונא, זייט מיר מוחל — דאס זיינען שולדיג מיינע נערוועןן — (טוט א כאפּ איהר האנד און טראגט זי צו צו די ליפּען). זייט־זשע מיר מוחל — (קוסט איהר די האנד). דאס איז ביי אונז אפילו ניט קיין מאדע —

אננא. (שמייכעלט). איך פערשטעה אייך, איך פערשטעה אייך. איך וויים גאנץ גוט, אז דאס ברענט אין אייך דער פערלאנג

צו ארבייטען פאר דער זאך, זיך ארייַנצוואַרפען אין דער ארבייט מיט לייב און לעבען. וואס קען זיין בעסער!

וו א ס י ל י. (ווי ער וואלט ניט גוט דערהערט איהרע לעצטע ווערטער). אבער זאגט מיר, אננא — צו ווייסט איהר גאר, וואס מען ליידט אוים פון א פערזענליכער שוואכקייט? ווי שווער עס איז צו פערגעסען א פערזענליכע צרה?

א נ נ א. ווער פון אונז האט ניט געליטען?

וו א ס י ל י. אבער שטעלט זיך פאר אזוינע יסורים, דאס מען ווערט גלייכגילטיג אפילו צו דעם העכסטען הייליגטום — ווען דער מענש טראגט, דאכט זיך, אין זיך נאר דעם איין שמערץ —

א נ נ א. (מיט שרעק). וואסילי, זאגט מיר. איהר רעדט דאך נאר אזוי, ווענען א מעגליכקייט, אין דער טעאריע, אמת, הא?

וו א ס י ל י. (נאכגיביג). אודאי. נאר ווענען א מעגליכקייט, ניט מעהר.

א נ נ א. און איך האב שוין מורא געהאט, אז איהר ליידט יסורים (שטעלט זיך אב א רגע, מיט לצנות) — ווייל א פרוי האט זיך צו אייך אין הארצען ארייַנגע'גנב'עט —

וו א ס י ל י. (ווערט רויט, אין פערלעגענהייט, מיט א ציטער־דיגער שטימע, שנעל). ניין! ניין!... און וואס וואלט איהר געזאגט, אז יע?

א נ נ א. (מיט דעם זעלבען טאן). איך וואלט אייך בלויז גע־ווארענט געגען די נייע צרה — א פרוי מאכט דעם מאנספערשוין פאר א שוואכען, פאר א פייגלינג.

וו א ס י ל י. (געהט ארום מיט גרויסע טריט, צושטרייט, רעדט ארויס מיט א וועהטאג). יע... יע... יע... איהר זייט גערעכט — יע— (כאפט מיט א מאל זיין הוט). זייט געזונד— (שנעל אב אין פארהויז).

א נ ט א ן. (שרייט איהם נאך פון הינטען). וואס לויפסטו אזוי? פערגעס ניט צו ברייַנגען דעם שריפט, נאך היינט! הערסט צו ניט? (וויל איהם נאכלויפען, עפענט די טיהר פון פארהויז) שוין אוועק— (פערמאכט די טיהר).

א נ נ א. נו, איך דארף שוין אויך געהן — (טוט אן די פעלערינע). וואס איז מיט איהם געשעהן, מיט וואסילי, מיין איך? אפשר ווייסט איהר וואס?

ס א פ י א. דו האָסט געטראפען, אניוטא. ער איז פערליעבט אויף צו'ן אמת'ען — (שנעל לעגט צו) אזוי דאכט זיך מיר —

א נ נ א. ארימער יונג! (דריקט אלעמען די האנד, דערנאך פערשפילעט זי די פעלערינא ביים האלז; ווי צו זיך אליין). ווי קען דאס זיין מעגליך? גאנצע פיער חדשים איז ער דאך פון דאנען ניט ארוים— (ווארפט בגנבה בליקען אויף סאפיא, וועלכע קוקט אויף איהר מיט א שמייכעל פול בעדייטונג. זי נעמט פון טיש דעם פעקעל, אין פערלעגענהייט) אלזא — אלזא זייט געזונד (שנעל אב).

ס א פ י א און מ א ש א. (זיצען אין דער זעלבער פאָזע ווי פריער).

א נ ט א ן. (קוקט זיי ביידען אן און דרעהט זיך אונרוהיגערהייט פון איין ווינקעל אין דעם אנדערן. געהט אין פארהויז און ברייגנט צוטראגען א קעראסין־אייוועלע. ער שטעלט זי אוועק אויפ'ן טיש, צינדט זי אן און שטעלט אויף איהר ארויף א טשייניק מיט וואסער. ער טוט נאך א מאָל א קוק אויף סאפיא און מאשא און געהט זיך דורך א פאר מאָל איבער'ן צימער). וואס שווייגט איהר? (אין א ווײַלע ארום). עס איז געווארען עפּיס מאדנע קאלט (א מאך מיט דער האנד).

ס א פ י א. (קוקט אויפ'ן פלאם פון קעראסין־אייוועלע, ווי אין חלום). די גלאק פון בלוט...

מ א ש א. (אין דער זעלבער שטימונג). קאשעם...

א נ ט א ן. (מיט אונגעדולד). חלומות, חלומות!... (זעצט זיך צום טיש, נעמט ארויס פון קעשענע דאס בילד, קוקט אויף דאס א מינוט און גיט איבער סאפיא). נא— קוק אויף סעריאשקא'ן. (סאפיא און מאשא קוקען אויף דאס בילד).

א נ ט א ן. (טוט זיך מיט א מאָל א כאפּ פון ארט, לויפט צו צום פענסטער, ציהט אב אן א זייט די פארהאנגקע און קוקט אין גאס, אבער גלייך שפּרינגט ער אב פון פענסטער. נערוויאיש אויפגערעגט לאזט ער ארײַן ביידע הענד אין די האָר, אהן אן אטעם). קינדער— איך האָב

געזעהן דארטין שרעקליכע אויגען — ס'איז געוועזן דער טויט!
(לויפט הילפלאז איבער'ן שטוב הין און צוריק).

מ א ש א. (געהט צו שנעל צום פענסטער, קוקט דרויסען, דאן מיט א פארוואורף). אייך חלום'ט זיך ווער ווייסט וואס! נאר איהר ציטערט. און פרעג וואס? אלץ געהט גוט. אפילו וואסילי איז אויך נאך ריין ווי א טייבעלע—

ס א פ י א. און אננא ניט, וואס?

מ א ש א. און פון קאהאן'ען דארפט איהר אודאי קיין הארצוועהטאג ניט האבען— אדרבא— דער אקאלאדאטשני איז דא געווען — און זיין פאס איז כשר ווי גאלד.

א נ ט א ן. וואס ווייסט איהר, מאשא? ווי לאנג לעבט איהר אויף דער וועלט?— מיר מוזען זיין פארזיכטיג— אבער ווי מען זאל זיך ניט היטען, קען מען זיך קיין מאל ניט אויסהיטען פון טויזענדער נארישע צופעליגקייטען. אימיצער אנטלויפט א שטייגער פון א שפיאן, שפרינגט אריין צו אונז אין טויער— און אט האסטו פארטיג א הויז־זוכונג.

מ א ש א. (מיט א בעטענדער שטימע). האט דאך אויף אונז רחמנות, אנטאשא— ס'איז כ'לעבען גאר ניט שיין פון אייך, דאס איהר זאלט האלטען אין איין קרעכצען, אין איין שרעקען אונז— ווער דארף דאס האבען? — בערוהיגט זיך — די נערוועון זיינען שוין ביי אייך גאר פון די כלים ארויס.

א נ ט א ן. (א ביסעל בערוהיגט, זעצט זיך אנידער צום טיש). ווען די אידיאטישע פרעס־מאשין זאל ניט קלאפען אזוי מיט די ציין— ווי א מארק־פויערטע, וואלט אלץ גוט געווען. לויב דעם אויבערשטען, די זעקס און צוואנציגסטע נומער איז שוין גליקליך אראב פון די הענד.

מ א ש א. איהר דארפט וואו ניט איז אוועקפאהרען פון דאנען, כאטש אויף א ווייל, א־ניט וועט דא פון אייך ווערען א תל—

ס א פ י א. (דאס בילד אין האנד). איך מוז זיך זעהן מיט סעריאשקא'ן. (מיט א בעטענדער שטימע) אנטאשא, נאמיר זיך אריבערכאפען צו איהם. ווילסטו,האז?

מ א ש א. אט וועט איהר זעהן — אין איין חודש וועלען מיר אוועק אזוי ווייט, איך און טאנטאל, אז מען וועט זיך קענען בע־געהן אהן אייך — וועניגסטענס אויף עטליכע וואכען — איהר וועט זיך שוין איבערצייגען, ס'ארט אייך —

א נ ט א ן. (שאקעלט צו מיט'ן קאפ אין ספקות — א שווייגען — ער טוט זיך מיט א מאָל א כאפ פון ארט און האָרכט זיך צו).

ס א פ י א און מ א ש א. (קוקען אויף איהם אין שרעק).

א נ ט א ן. (מיט א הייזעריגער שטימע). דארטין, אויף יענער זייט טיהר, איז אן אומגליק.

ס א פ י א און מ א ש א. (שטעהן שנעל אויף).

(א שטארקער קלונג).

א נ ט א ן. (שפרינגט אויף ווי געביסען פון א שלאנג. ס א־פ י א און מ א ש א לאזען ארויס א געשריי און כאפען זיך פאר'ן קאפ. אלע דריי שטעהן ווי צוגעשמידטע צום ארט).

ט א נ ט א ל. (בעוויזט זיך ביי דער טיהר פון דעם הינטער־סטען ניט־בעלויכטענעם חדר און שעפּצעט לאנגזאם). זשאנדארמען — (נעמט ארויס דעם רעוואלווער). איין קויל פאר מיר — און פינף, אויב איהר ווילט, קענט איהר אויסנוצען — זייט געזונד (לאזט אפען די טיהר, געהט אריין צו זיך).

(א צווייטער קלונג, בעגלייט פון שטארקע קלעפּ אין די טיהר פון פארהויז).

ס א פ י א. (צו אנטאן). גיבער די ליסטע מיט די אדרעסען.

א נ ט א ן. פערשפּארט די טיהר! (טוט זיך א ווארף אין קע־לערל און פליהט ארויס פון דארטין מיט בריעף און פאפּירען. דערווייל האָט מ א ש א פערשלאסען די טיהר פון אינוועניג. עס הערט זיך, ווי א סך מענשען האָבען זיך ארויפגעלעגט אויף דער טיהר מיט אלע כחות און ווילען זי אויפברעכען. ס א פ י א האָט אראבגענומען פון אוי־וועלע דעם טשייניק, האסטיג, פיבערהאפט, פערברענען זיי די פאפּירען אויף דער אויוועלע).

(פון דעם הינטערסטען צימער דערהערט מען א שאס פון א רע־וואלווער און דעם פאלען פון א קערפּער. — די טיהר פון פארהויז

ווערט אויפגעבראכען און מען הערט דעם טרעמפלען פון שווערע שטי־
וועל און דעם קלאנג פון שווערדען. — בעת די זשאנדארמען רייסען
זיך אין די פערשפארטע טיהר, ווערען האסטיג פערברענט די לעצטע פא־
פירען).

א נ ט א ן. מאשא, שנעל דעם טאפ מיט די בלומען פון
פענסטער — (אין דער רגע ווארפען זיך אריין די זשאנדארמען און
לעגען ארויף די הענד אויף אנטאן, סאפיא און מאשא, וועלכע האט
קיין צייט ניט צוצולויפען צום פענסטער).

ז ש א נ ד א ר מ ע ן - א פ י צ י ר. (שטרייננג). ווער האט דא
געשאסען? (זיי שווייגען. איין זשאנדארם בעמערקט דורך די אפענע
טיהר טאנטעל'ס קערפער אין דעם הינטערסטען צימער און באווייזט
אויף איהם דעם אפיציר). אהא, אזוי איז דאס! האט איהר נאך גע־
וועהר? (זיי שווייגען. — צו די זשאנדארמען). באזוכט זיי די קע־
שענעס. (די זשאנדארמען ערפילען דעם בעפעהל, ניט אויסרעדענדיג א
ווארט).

מ א ש א. (ראנגעלט זיך). איך וועל זיך ניט לאזען!

ז ש א נ ד .-א פ י צ י ר. האלט זי פאר די הענד. איך וועל
זי אליין באזוכען. (טוט עס).

א נ ט א ן. (מיט רחמנות). אוי, מאשא... מיין ארימע...

ז ש א נ ד .-א פ י צ י ר. (צו אנטאן און סאפיא). זייט אזוי
גוט, ריהרט זיך ניט פון ארט און רעדט ניט איינס מיט'ן צווייטען.
(צו צוויי זשאנדארמען). איהר געהט אין פארהויז — זייט פאר־
זיכטיג — קומט אימיצער, זאלט איהר ניט ווארטען, ביז ער וועט
אנקלינגען. (צוויי זשאנדארמען אב. — צו די אנדערע זשאנדארמען).
באזוכט די גאנצע דירה, און אלץ וואס איהר וועט געפינען, זאלט
איהר ברייננגען אהער. (די זשאנדארמען טון דאס: עפנען אלע אלמערס,
די קאסטענס, די לאדענס, ברייננגען צוטראגען ביכער, א סך דרוקפאפיר
א. ז. וו., און לעגען דאס אלץ צונויף אויף דער סאפא. און דערוויי־
לע) —

ז ש א נ ד .-א פ י צ י ר. (צו אנטאן). אייער נאמען?

א נ ט א ן. אנטאן טלאטשאוו.

ז ש א נ ד.־יִ פ י צ י ר. (על כל פנים צומישט). אה־יע־יע.

א נ ט א ן. איהר האָט געווים א טעות געהאט.

ז ש א נ ד .־א פ י צ י ר. (שנעל). ניין, ניין. האט קיין מורא ניט. מיר וועלען שוין דערגעהן אלץ. (מיט א גיפטיגען שמייכעל). פאר וואס האָבען אונז די הויכגעשעצטע לייט ניט אריינגעלאזען? הא? זיך פערשפארט אויף אלע שלעסער? הא? הינטער צוויי טיהרען? (שווייגט א רגע). מיר וועלען שוין דערגעהן אלץ. ביז א ברעקעלע.

א נ ט א ן. (שטעהענדיג ביים פענסטער, שטויסט ער אראב מיט'ן עלענבויגען דעם טאָפּ מיט די בלומען, וועלכער פאלט אויף דר'ערד און ווערט צובראכען).

ז ש א נ ד .־א פ י צ י ר. (שרייט). איך האָב דאָך אייך פערבאטען זיך א ריהר צו טאָן פון ארט! — אה, ניין! קיין שום קונצען וועלען זיך אייך ניט איינגעבען!

א נ ט א ן. (איראניש). דא איז צו שווער די לופט — ווי דיינקט איהר? עס וואלט געווען א יושר צו עפענען א פענסטער.

ז ש א נ ד .־א פ י צ י ר. (זעלבסט־באוואוסט). די פענסטער בלייבען צוגעמאכט — מיר פערשטעהן די קונצען — איהר האָט מורא פאר אייערע געסט — אָהאָ! (מיט לצנות). איהר דארפט קיין שום מורא ניט האָבען — מען וועט זיי שוין אויפנעמען אויפ'ן פיינסטען אופן. (בעווייזט אין פארהויז). מען ווארט שוין אויף זיי דארטין — מיין חברה ווייס, ווי אבצוגעבען כבוד א טייערען גאסט. (דערזעהט אויפ'ן טיש די אש פון די פערברענטע פאפירען). אלזא פערברענט אלץ? מיר וועלען שוין גלייך דערגעהן די געשיכטע. ביז'ן גרונט. (נעמט פון טיש דאס בילד און דערלאנגט עס א זשאנדארם). אלץ נעמט צו. אבער פארזיכטיג. פערלירט קיין זאך ניט.

ס א פ י א. דאס איז מיין קינד'ס בילד. (בעפרייט זיך פון די זשאנדארמען און שטרעקט אוים די האנד נאכ'ן בילד). זעהט, איך בעט אייך, גיט דאס מיר אב—

ז ש א נ ד.־א פ י צ י ר. (צו די זשאנדארמען). האלט זי שטייף. (צו סאפיא). דאס בילד געהערט צו די פערנומענע דאקומענטען.

(קוקט דורך די צונויפגעטראָגענע ביכער און שטעלט זיך אָב פערוואונ־דערט ביי די פּעק דרוקפּאַפּיר). זייט איהר שוין געווען אין אַלע ווינ־קעלעך? (די זשאַנדאַרמען שאַקלען מיט׳ן קאָפּ אויף יע).

איין זשאַנדאַרם. (געהט צו צו דער פערשטעלטער טיהר, טוט זי אַ שטופּ, און די טיהר עפענט זיך). אהאַ! אַ פינסטערער חדר — אַ קעלער פאַר אַלטוואַרג, צו וואָס?

זשאַנד.־אָפּיציר. איהר זעהט, איהר גרויסע פּלאַקענס, וואָס איהר זיינט! דאַרטין איז זיכער די רעכטע געדיכטע — (בער־רוהיגט). מיר וועלען שוין אַלץ דערגעהן. (געהט אַריין אין דעם קעלער, בעגלייט פון אַ זשאַנדאַרם. מען הערט פון אינווענינג זיין שטימע). גיב אהער פייער. (עס איז צו בעמערקען נאָכ׳ן פּלאַם, ווי מען נעמט אַרונטער דאָס לעמפּעל פון וואַנד און מען טראָגט דאָס אַרום אין דעם קעלער. מיט פערגניגען). אַזוי גאָר! אַ דרוקמאַשין — דאָס איז דאָך אַן אמת׳ער אוצר — און אַ פּאָר שריפטען אין צוגאָב! (געהט אַריין אין צימער און שפּרייזט הין און צוריק. ער איז אויסער זיך פון שמחה און רייבט זיך די הענד. בלייבט שטעהן לעבען אַנטאָן און סאָפיאַ). פּאַרט געלונגען! (מיט אַ בייזען חוזק מאַכענדיגען טאָן). מזל טוב אייך — ניין, איך מיין דאָס טאַקי — עס איז געווען אַזאַ נאַריש־קייט פון אייך צו פערשפּאַרען זיך — אַ גרויסע נאַרישקייט כ׳לע־בען — איך פיהל מיט אייך מיט פון גאַנצען האַרצען — גלויבט מיר— אַרימינקע— אַזוי אַריינצופאַלען! — אַ ביטערער רחמנות— און ווי פּראַקטיש עס איז דאָס איינגעפיהרט, אַז גראָד באַלד אונטער דעם צווייטען גאָרן זאָל זיך געפינען אַן ערשטער. וואָס, אַ ליגען? נו, אַצינדער וועלען מיר אַ קוק געבען, וואָס איהר האָט דאָרטין גוטס — פּאַפּיר! (אַ זשאַנדאַרם דערלאַנגט איהם אַ בויגען פּאַפּיר. ער געהט אין קעלער, און עס דערהערט זיך אַ קלאַפּעריי פון דרוקפּרעס).

אַנטאָן. (צו סאָפיאַ, מיט אַ וועהטאָג). דו הערסט? מיין אָרימע, אַלטע, גוטע מאַשין אין די שמוציגע לאַפּעס—

זשאַנד.־אָפּיציר. (קומט פון קעלער מיט געדרוקטע בויגענס פּאַפּיר, זעצט זיך אַנידער און לייענט). „דער פּאַקעל“. (ער־

שטוינט קוקט ער אן אנטאן אוןביידע פרויען — מיט א מין אכטונג). הייסט דאס, איהר זייט דאס די ארויסגעבער? (טוט זיך א כאפ פון ארט און לויפט איבער'ן צימער מיט א געזיכט, וואס שטראהלט פון פרייד). אבער ווי קומט דאס — ווי קומט דאס — (זעצט זיך). מיר וועלען שוין אלץ דערגעהן — (וויל לייענען, אבער שטעהט ווידער אויף — מיט רשעת). אלזא א סוף — דער פאקעל איז פערלאשען—

א נ ט א ן. (שטייף). אין א חדש ארום וועט מען אייך צושי־קען די זיבען און צוואנציגסטע נומער פון „דעם פאקעל".

ז ש א נ ד .־א פ י צ י ר. אזוי? מיר וועלען זעהן — (זעצט זיך און וויל לייענען).

א נ ט א ן. מיר ווייסען ניט פון שטערונגען—

(מען גיט דריי מאל א קלונג דעם גלעקעל. אין פארהויז הערט זיך א טומעל).

א י י ן ז ש א נ ד א ר ם. (קוקט אריין אין פארהויז). אימי־צער איז דא אנטלאפען; האבען זיך אונזערע א לאז געטאן נאך איהם —

ז ש א נ ד.־א פ י צ י ר. זיי וועלען שוין כאפען דעם העכט— (קוקט אריין אין די אבגעדרוקטע בלעטלעך). אלזא א לייט־איטיקעל (לייענט, שעפּצענדיג די ווערטער, און שאקעלט צו מיט'ן קאפ). גאנץ ריכטיג— גאנץ ריכטיג— (לייענדיג) „פון איהם קומען אויף דער וועלט אלע אומגליקען". (צו אנטאן). ארלאוו איז געווען גאנץ גע־רעכט— איהר ווילט איהם דא מאכען צום נארען — איך וואלט אויך אזוי געהאנדעלט ווי ער — ער איז גערעכט, אויף מיין ווארט, גערעכט— איך וואלט זיך שוין אבגערעכענט מיט דעם דאזיגען ערפינדער פון דרוקעריי— ווי הייסט ער דארטין? (קוקט אריין אין בלעטעל) — יע, גוטענבערג — אויך מיר אן ערפינדער — (צו די זשאנדארמען) — אז מיר וועט ווען עס איז אויסקומען צו זיין אין ניורנבערג — וועל איך גלייך אויפזוכען זיין דענקמאל און איהם אנשפּייען א פולען פנים — פון איהם זיינען געקומען אלע צרות אויף דער וועלט — איך האב דאס אלע מאל געזאגט —

(צ ו ו י י ז ש א נ ד א ר מ ע ן קומען אריין פון דרויסען אויפגערעגט און שווער אטמענדיג).

ע ר ש ט ע ר ז ש א נ ד א ר ם. (האלט אין איין האנד א פעקעל, וואס זעהט אוים ווי דער פעקעל, וואס וואסילי האָט געהאט). אט— אונז א שליידער געטאן אין די פים— האט ער זיך אויסגע־גליטשט און געפאלען (באווייזט אויפ׳ן צווייטען זשאנדארם, וועל־כער האלט א טיכעל ביי דער נאז און שאקעלט צו מיט׳ן קאפ).

ז ש א נ ד.־א פ י צ י ר. (אין כעס). און דו?!

ע ר ש ט ע ר ז ש א נ ד א ר ם. ער האָט פערלאשען דאס לעמפעל אויף די טרעפ— און ביז וואנען איך בין דערקראכען ביז׳ן טויער...

ז ש א נ ד.־א פ י צ י ר. (שריים). אייזעל! (צו אנטאן׳ען, שטרייננ). ווער איז דאס געוועזן? (א שווייגען). איהר ווייסט דאך— ווער איז דאס געוועזן— פרעג איך ביי אייך— (א שווייגען). איהר וועט שוין רעדען ביי אונז— (צו זיך אליין). אט דאס זיינען באנ־דיטען!

(אנטאן בעפרייט זיך און וויל זיך ארויפווארפען אויפ׳ן אפי־ציר, אבער די זשאנדארמען ווארפען זיך אריין אין מיטען און כאפען איהם אן פאר די הענד. קאם וואס זיי האלטען איהם איין).

ז ש א נ ד.־א פ י צ י ר. (געהט צו איהם צו גאנץ נאהענט און רעדט ארוים צווישען די ציין). וואס האסטו דאס געוואלט טאן, דו פאסקודנער ווארם דו איינער? (סאפיא כליפעט). שטיל זאל זיין!

מ א ש א. וואס איז, וויינען טאר מען שוין אויך ניט. אהן אייער בעפעהל! מיינט ניט, אז איהר זייט די העכסטע, עס זיינען דא נאך העכערע פון אייך—

ז ש א נ ד.־א פ י צ י ר. (לאכט). דו ווילסט מיך פערקלאגען, דו טייבעלע מיינע, הא? מיט אזוינע ווי איהר קען מען טאן, וואס מען וויל.

(דער פארהאנג פאלט שנעל).

צווייטער אקט.

א צימער פאר סטודענטען, וואו אלץ איז אנגעווארפען, אנגעשליי־דערט. אין מיטען שטוב — א טיש, לעבען איהם — צוויי אבגעניצטע פאטערשטיהל. א פאר אנדערע פאטערשטיהל צושטעלט איבער׳ן שטוב אהן א שום ארדנונג. ביי דער לינקער וואנד פון פארענט — א שרייבטיש, וואס טוט און שאקעלט זיך, נעהנטער צום ווינקעל צו — אן אלמער. רעכטס א טיהר, און פון פארענט — אן אלט־פריינקישע קאנאפע. הינ־טער דער טיהר, אין ווינקעל, הייגגען א פאר הויזען. אין דער הינטער־סטער וואנד — צוויי פענסטער. דאס פענסטער לינקס איז העל און געהט א פנים ארויס אויף א גרויסען פרייען פלאץ; דאס פענסטער רעכטס איז פערדעקט מיט׳ן געביי פון א קלויסטער. ס׳איז נאך מיטאג־צייט.

ב א נ ק י ר. (24 יאהר אלט, הויך און שיין געבויט, העל־בלאנדע האָר, א שמאלע לאנגע בארד. זעהט אויס ווי א פערצווייפעלטער מענש, און רעדט מיט א הייזעריגער שטימע. די קליידער שטארק אבגע־טראגען; ער טראגט א לייוועגדענע העמד מיט גרויסע קנעפ, א הויכע קאמזעלקע, העלע הויזען אין קעסטלעך, א צוקנאטענעם קאפעליוש).

נ ר י ג א ר י. (28 יאהר אלט, געוועזענער סטודענט, אנגעטאן ווי א פאבריק־ארבייטער, מיט אן אלטען רויטען טיכעל אויפ׳ן האלז. מאכט דעם איינדרוק פון א מענשען, וועלכער שטעהט העכער פון די ארומיגע).

ת ל מ י ד. (19 — 20 יאהר אלט, אנגעטאן אין סטודענטען־קליידער. פון צייט צו צייט נעמט ער ארונטער דאס היטעל. טראגט

בלויע ברילען. ווען ער רעדט, מאכט ער שטארק מיט די הענד, כאפט אן יענעם פאר א קנעפעל, אדער מעסט דאס צימער מיט ברייטע טריט).

ד א ק ט א ר. (35 יאהר אלט. ערנסטער פנים, א לאנגע שווארצע בארד, לאנגזאמע בעוועגונגען. טראגט ברילען).

(ב א נ ק י ר, ג ר י ג א ר י, ת ל מ י ד, ד א ק ט א ר און צווישען זיי ו ו א ס י ל י טרינקען טהע און רויכנען אהן אן אויפהער; אייז גריגארי רויכערט ניט. אין דעם פערלויף פון געשפרעך קאכען זיי זיך, שרייען אויפ'ן קול, שלאגען איבער איינער דעם צווייטען, לויפען איבער'ן שטוב. און וואס ווייטער עס ציהט זיך דער געשפרעך, ווערט אלץ לעבעדיגער).

(בעת דער פארהאנג הויבט זיך אויף, זיצען אלע פינף מיט אראבגעלאזענע קעפ — ווער אויפ'ן טיש, ווער אויפ'ן פענסטער, א. ז. וו.).

ת ל מ י ד. (קוקט אויף אלעמען, שאקלענדיג מיט'ן קאפ). איהר, רוסישע האמלעטען! (ביטער). די נעזער אראבגעלאזען! פיין, ניטא וואס צו רעדען! אויך מיר כוואטען! מען האט מורא צו טראכטען און צו וועלען. דער גרעסטער אומגליק איז דאס. איך וויים, אז יעדערער פון אייך וואלט די מינוט זיך אפילו ניט פערקלערט אין זיך דורכגעלעכערט דעם קאפ מיט א קויל. אבער ווען דאס לעבען איז אייך שוין אזוי איבערדריסיג געווארען, טא פערקויפט דאס כאטש וועניגסטענס מיט א טאלק, פאר א גוטען פרייז; גיט דאס ניט אוועק דעם טייוועל. (שווייגט א רגע). הויבט־זשע אויף די קעפ אייערע! ווילט איהר, אז איך זאל אייך לערנען, וואס צו טאן? ווילט איהר, אז איך זאל דא איבער'חזר'ן, וואס איך האב הונדערט מאל געהערט פון אייערע מיילער? שלאפט־זשע מעהר ניט! איהר זעהט א פנים נאך אלץ ניט, וואס עס בלייבט צו טאן? אזוי טיעף האט זיך דאס בעהאלטען אין די קעשענעס דער מוט אייערער? מען מאכט פון אונז א תל, אהן שום רחמנות — די דרוקערייי האט מען שוין פערכאפט, ארעסטען און הויז־זוכונגען קומען פאר מאסענווייז, פאר די קלענסטע נארישקייט שטעלט מען צום קריגסגעריכט. אויף וואס נאך ווארט איהר? איז די לופט נאך ניט גענוג אנגעפילט מיט עלעקטריציטעט, אז עס זאל שוין א שפריץ טאן

דער פונק פייער, אז עס זאָל נעמען בליצען? אונזערע געגאַסען אין טיורמע האָט מען געבראַכט צו א הונגער־סטרייק — און איהר וואַרט?

ד א ק ט א ר. (פאַלט איהם אריין אין די רעד). לאָז־זשע מיר ענדיגען, וואס איך האָב אנגעפאנגען. הייסט דאס, אז דער לעצטער טראָפּען, וואס האָט איבערגעפילט דעם בעכער און ארויסגערופען דעם הונגער־סטרייק, איז געווען די שענדליכע בעהאַנדלונג פון אונזער יונגער גענאסין מאשא—

וו א ס י ל י. (שנעל). פון דער דרוקעריי? וואס איז מיט איהר?

ד א ק ט א ר. אין געפענגנים גילט א פעראָרדנונג, אז ווען מען ברענגט צופיהרען א נייעם ארעסטאנט, דאַרף מען איהם בעשרייבען פון קאָפּ ביז די פיס. און אָט אונטער דעם אויסרעד האט מען מאַשא׳ן אויסגעטאָן נאַקעט פאר די זשאַנדאַרמען און די וועכטער אין די אויגען—

ת ל מ י ד. (שלאָגט איבער דעם דאָקטאר, ליידענשאַפטליך; קיינער הערט ניט, וואס ער זאָגט). דאס איז אויך פאר אייך וועניג?

ד א ק ט א ר. מען האָט גענומען קלאַפּען אין די וואַנד, און די גאנצע טיורמע האָט זיך גיך דערוואוסט דערפון. טלאַטשאַוו האָט תיכף געפאָדערט, מען זאָל איהם נעמען צום נאַטשאַלניק פון טיורמע. דארטין איז גראָד געווען בשעת מעשה דער גובערנאַטאָר רעכנין, און טלאַטשאַוו האָט איהם דערציילט, וואס עס האָט פּאַסירט מיט מאשא׳ן. ווייסט איהר, וואס דער גובערנאַטאָר האָט געענטפערט? „אז עס וואָלט עפּיס „פאָרגעקומען״, נו, דאַמאָלסט איז אנאנדער זאַך; אבער די זשאַנדאַרמען, האָט זיין עקסעלענץ צוגעלעגט מיט אַן איראָנישען טאָן, האָבען ניט אויסגענוצט די געלעגענהייט...

ת ל מ י ד. (מיט דער פריערדיגער ליידענשאַפט אין דער שטימע). וואס קען נאך זיין ערגער?!

וו א ס י ל י. האָסטו וואס געהערט פון סאָפיא איוואַנאָווּנא, אויך פון דער דרוקעריי?

ד א ק ט א ר. יע, אודאי. זי ליגט אין שפיטאל.

וו א ס י ל י. (טרויעריג). זי איז קראנק?

ד א ק ט א ר. זי האט צופעליג געפונען א שטיק גלאז און דערמיט זיך איינגעשניטען אין האלז. אבער דעם זעלבען אויגענבליק האט דאס דערזעהן דער וועכטער דורך דאס לעכעל אין טיהר און — מען האט זי אבגעראטעוועט פון טויט.

ת ל מ י ד. און מיר שווייגען, הילפלאזע, אבהענדיגע. אוי, ווי טראגט מען גאר אריבער אזעלכע יסורים! מען מוז זיי אבצאהלען פאר אלץ, פאר אלץ, — און דערנאך זאלען זיי כאטש צורייסען דעם לייב אויף שטיקער.

וו א ס י ל י. וואס נאך האסטו זיך דערוואוסט פון דיין וועכטער, דאקטאר? וואס הערט זיך מיט אנטאן'ען?

ד א ק ט א ר. מעהר ווייס איך גאר ניט. מיין וועכטער'ס קינדער זיינען יעצט געזונד געווארען, אבער זיי קריינקען זעהר אפט. און אז מען וועט מיך ווידער רופען צו זיי, וועל איך אייך ברייננען מעהר נייעס.

וו א ס י ל י. איך וויל דיר געבען א בריעף צו אנטאן'ען. וועסט איהם קענען איבערגעבען?

ד א ק ט א ר. איך וועל זיין ערשט ביי דעם וועכטער אין עטליכע טעג ארום, ניט פריער.

ג ר י ג א ר י. (מיט'ן טאן פון א פארזיצענדען). הער נאר, באנקיר, ווי שטעהט דאס מיט דער קאסע?

ב א נ ק י ר. עס זיינען אריינגעקומען דריי טויזענד פיער הונדערט רובעל; צוויי טויזענד רובעל האט אונז צוגעשיקט גאווריאיל. האט זיי געקראגען פון א לאנד ריכטער, וועלכער האט דאס געלד אבגעזאגט פאר'ן טויט דער ארגאניזאציאן. פערשטעהט זיך, האט ער געשטעלט די בעדינגונג, אז זיין נאמען זאל ניט דערמאנט ווערען אין אונזערע בעריכטען.

ת ל מ י ד. זעהט איהר נאך אלץ ניט, ווי ברייט עס האט זיך צוואוארפען די פאליטישע בעוועגונג? אז די אלטע אכזריות'־דיגע רדיפות פון די גוברנאטארען זיינען ניט מעהר ווי די לעצ־

טע קאָנוואולסיען פון דעם דעספּאָטישען רעזשים? און איהר זיצט און ווארט, און לאזט זיך שעכטען ווי לעמעלעך. פון די טיראנען ליידען מיר א סך ווייניגער, ווי פון די אייגענע — שוואכע, אונ־ענטשלאָסענע האמלעטען.

ב א נ ק י ר. (איז מאריך זיין בעריכט). די הוצאות זיינען יעצט באזונדערס גרויס. מיין פּערוואלטער האָט נאָך ניט געשיקט קיין געלד. אבער די טעג דארף ער מיר צושיקען, נאָך מיין רעכ־נונג, 5000 רובעל. פאר דער פּרעס־מאשין האָב איך בעצאהלט העכער פון 600 רובעל; היינט וואו זיינען די הוצאות אויף ארי־בערפיהרען ליטעראטור—

ג ר י ג א ר י. יע, איהר ווייסט, די ליטעראטור איז שוין אריבער דעם גרעניץ. אט איז די דעפּעש. (גיט איבער).

ב א נ ק י ר. (לייענט). „מאריא געזונד". (גיט אב די דעפּעש צוריק). האָט מען שוין געפונען א דירה?

ג ר י ג א ר י. צוויי גענאסען פון דעם ספּעציעלען קאָמיטע געהן יעצט ארום זוכען א דירה. עס איז זעהר שווער צו געפינען אזוינס, וואס זאל טויגען פאר אונז.

ת ל מ י ד. צו וואס'ערע קלאָגען א דרוקעריי? — פיהרט איין א בעמישעס לאבאראטאָריום!

ב א נ ק י ר. מען דארף זיך צואיילען מיט דער זוכענים. אין פּעטערבורג וועט מען לאנג פאר אונז ניט דרוקען. און אגב איז טאקי צו שווער אריבערצוברייננגען פון דארטין די פּעק מיט פּראָ־קלאמאציעס.

ד א ק ט א ר. מען דארף זעהן, אז די קומענדיגע נומער פון דעם „פּאקעל" זאל בשום אופן ניט פערשפּעטיגען.

ב א נ ק י ר. און דוקא אין דער צייט פון סטרייק מאכט זיך אזא'ן אומגליק!

ת ל מ י ד. און איך זאג אייך: כעמיע! כעמיע! וואס האט אין דעם מיטעלאלטער בעפרייט די שטאדט־איינוואוינער פון די רימער די רויבער? ניט דרוק־פארב, נאר פּולווער. דאס איז געווען א דעבּאָקראטישע געצייג, זי האָט די מענשען א האָרעלע אויס־

געגליכען איינעם מיט'ן צווייטען. ביי היינטיגען טאג, אין אונזער קאמפף מיט די ריטער די רויבער פון איצטיגע צייטען, האבען מיר נאך א בעסערען פריינד, און א מעהר דעמאקראטישען. היינט וועט מען שוין פערשטעהן, אז דאס איז ביי אונז ניט קיין דורשט נאך בלוט, נאר א רעטונגס־מיטעל, א סיגנאל פון געפאהר, וואס א שיף גיט, ווען ער האלט ביים אונטערגעהן אין די שטורעמדיגע כוואליעס. און ווער עס פערשטעהט דאס ניט, דער איז בלינד ווי א קנור, און מען קען איהם פון זיין בלינדשאפט ניט אויסהיילען. עס איז שוין צייט, אז די רעוואלוציאן אונזערע זאל אראברייסען פון איהר לייב דעם דייטשען מלבוש'ל. דאס, וואס איז סם פאר אייראפא, איז פאר רוסלאנד א רפואה שלמה —

ד א ק ט א ר. (בערוהיגט איהם). אבער האלט דאך איין דעם פלאם, וואס עס פלאקערט אין דיר, יונגער מאן. דו ווילסט קריכען אין פייער באצייטענס — וואס ווערסטו אויספיהרען? ווארט אויף, עס וועלען קומען בעסערע צייטען, וועט דיין היילינגער פלאם פערטאן ווערען מיט מעהר נוצען. מיר האבען שוין גענוג ערפאהרונג אין דער זאך. די, וועלכע האבען געארבייט איידער מיר זיינען געקומען, האט די דאזיגע ערפאהרונג טייער געקאסט.

ת ל מ י ד. (מיט חוזק). אייער ערפאהרונג האט ביי מיר אזא ווערדע ווי דער פאר איאהריגער שנעע. וואס העלפט מיר די ערפאהרונג, אז עס בייסט, און דער בייסען מיט'ן וועה טאן פערנעמט אזוי ביים הארצען, דאס מען קען זיך קיין עצה ניט געבען און מען מוז זיך העלפען, ווי מען קען. דערציילט מיר מעשיות פון אייער ערפאהרונג! ווען אימיצער מארטערט טויזענדער אונשולדיגע נפשות מיט דער פערביסענהייט פון א משוגענעם הונד, טא קומט ביי אייך אויס, אז מען דארף אט דעם מערדער לאזען טאן זיין ארבייט און ניט אבראמען פון וועג?

ד א ק ט א ר. דאס לעבען פון א רעוואלוציאנער דארף זיין ביי אונז א פולע טייערער פון דעם טויט פון א בלוטזויגער.

ת ל מ י ד. אבער שטעל זיך נאר פאר, ס'איז גוזמא בערברעכן עס בעגעהט אט די צווישעטע חיה!

ד א ק ט א ר. ווייסטו ניט, אז דער שכל האָט אונז פערבאַטען אנצוגרייפען דעם צווייטענ׳ס לעבען?

ת ל מ י ד. איך וועל דיר ענטפערען מיט די ווערטער פון איינעם א פראנצויז: דער שכל האָט א האפט, ווען מען רעדט צו דיר מיט שכל; אבער אויף דעם שטריק פון א תליון איז דער בעסטער ענטפער — דינאמיט. אפילו די יעזואיטען קענען אויך גאר ניט האָבען צו אונז. איהר געדיינקט זייער רעגעל? „דער צוועק הייליגט די מיטלען". (אלע לאכען אין דער שטיל).ווען עס זאל זיך נאר ניט האנדלען פון די בעסטע קרעפטען פון דער רוסישער יוגענד, איז טאקי קיין גרויסע נפקא מינא ניט — מיט איין טיראן מעהר אדער וויינינגער. אבער יעצט, מיט איינעם ווענינגער — מאכט יע אויס.

ד א ק ט א ר. וועט אויף זיין שטעל קומען אנאנדער הונד. ווענינג זיינען דא? (א מאך מיט דער האנד). ארויסגעווארפענע ארבייט, ארבייט אהן א סוף!

ת ל מ י ד. מען מוז אויף זיי א שרעק ארויפווארפען. ווייל דער שרעק פאר׳ן טויט — דאס איז זייער גאנצער יושר, זייער גאנצע מאראל.

ב א נ ק י ר. דאס, וואס זיי ציטערן פאר זייער קלעגליך לעבען; דאס, וואס דער מלאך המות שטעהט זיי פאר די אויגען טאג און נאכט, דאס איז דער איינציגער ארט, וואו מען קען זיי בייסען.

ת ל מ י ד. אין איטליכער גובערניע זיצט אט אזא פיפערנאטער, און א גאנצע באנדע זשאנדארמען, אויסמושטירטע און איבערגעגעבענע, פאלגט בלינדערהייט אלע זיינע בעפעהלען, די סטאדע בלוטהינד, וואס מען האָט ארויסגעלאזען אויף איידעלע מענשען —

וו א ס י ל י. (הויבט זיך אויף). שוין צייט, שוין לאנג צייט, אז עס זאל נעמען קלינגען די גלאק פון בלוט —

ת ל מ י ד. גערעכט, וואסילי! — די גלאק פון בלוט! — אין אלע גובערניעס וועט אבקלינגען איהר קול קורא, און וועט וועקען צו דער ארבייט, און באווייזען דעם קלארען וועג צום ציעל.

ד א ק ט א ר. שא... תלמיד, נאר ניט געקאכט זיך! פערגעסט ניט, אז דער שונא איז שטארק. אז צום קאמפף מוזען מיר צונויפ־נעמען אונזערע אלע קרעפטען. און איך האָב מורא, אז זעהר פיעל וועלען אונז פערלאזען אין דעם ענטשלאסענעם מאמענט.

ת ל מ י ד. א דאגה, נו. איהר מיינט די ליבעראלען? ווער פערלאזט זיך גאר אויף זיי?

ב א נ ק י ר. (מיט פעראכטונג). בורזשוא בלייבט בורזשוא.

ת ל מ י ד. שקלאפען זיינען זיי, און פארטיג זיינען זיי צו קוסען די בייטש, וועלכע האָט זיי נאר וואס צושונדען די הויט.

ב א נ ק י ר. זיי קערען וועלטען אויף דער אליינהערשאפט, און אין דערזעלביגער צייט חלש'ען זיי צו קריגען פון איהר א גע'חתמה'טען פאפיר, דאס זיי זיינען וואוילע אינגלעך.

ת ל מ י ד. משוגע מאכען זיי מיך פון צארן און האס, אט די פוסטע נארישע האָפנונגען אויף א הילף פון אויבען. מיט וואס איז דאס בעסער פון די האפנונגען אויף עולם הבא, וואס די גלחים פלאנצען איין אין דעם המון? מיט תחנונים און בקשות ווילען זיי ארונטערקריגען פון אויבען די גאולה — (איראניש) — פיעלייכט וועט מען דארטין אויבען רחמנות האָבען — מען זאגט דאך שוין צו. מאניפעסטען פון קיסר, פלענער פון קאנסטיטוציעס, איין מי־ניסטארען־דראט נאך דעם אנדערן, — עס שיט זיך ווי פון א לע־כערדיגען זאק. זיי מעגעןווארטען. זאלען זיי אנטלויפען פון אונז, אדרבא. און איך זאג אייך, אז אומזיסט — קריגט מען נאר מיט א פלאקען איבער'ן מח. וויל מען עפּיס באקומען, דארף מען דאס זעהן צו נעמען מיט די אייגענע הענד. די קלענסטע פשרה, די קלענסטע בעגרענצונג פון אויסבויטונג אדער טיראניי פארדערט בלוטיגע קרבנות. וואס דו נעמסט ניט אליין, וועט ניט זיין דיינס. און דערפאר וועלען מיר די פרייהייט נעמען אליין —

ד א ק ט א ר. (מיט חוזק). ווי ראמאנטיש!

ת ל מ י ד. וואס דען? אזוי ווי איהר, וואס? איהר בע־ריהמט זיך, אז איהר דיינקט און האנדעלט ווי געזעצטע מענשען, און וואס איז דער סוף? איהר פערשלאפט די גינסטיגסטע צייט,

ביז וואנען עסווערט שוין צו שפעט — (מיט אונגעדולד) — אלע שלאפט! איהר זייט מיר אלע אזעלכע שלעפעריגע, אזעלכע קריכע־דיגע שנעקעס! די טויזענדער נארישע אויסרעכנונגען בינדען אייך הענד און פיס. אפשר האבען די לעצטע פערלוסטען געמאכט אייער מוט אזוי ווייך? אדער די רציחות פון גענעראל־גובערנאטאר רעכ־נין? אה, ער ווייס שוין, וואס ער וויל! קען נאך ערגער זיין?

ג ר י ג א ר י. (בעת דער תלמיד האלט אין רעדען). אבער בע־רוהיג זיך, תלמיד. וואס קאכסטו זיך, אין דער אמת'ען?

ת ל מ י ד. (שפרייזט הין און צוריק אן אויפגערעגטער). יע־דער מענש האט דאס רעכט צו טויטען דעם טיראן, און קיינער ניט, קיין איין פאלק, קען ניט אוועקנעמען ביי זיינע מיטבירגער אט דאס רעכט. (אן אויסגעמאטערטער, ווארפט ער זיך אריין אין א פאטערשטוהל).

ג ר י ג א ר י. (פון אויבען ארונטער). בערוהיג זיך, תלמיד. מיט אונז האלט נאך גאר ניט אזוי שמאל. אין אנדערע גובערניעס שלאפט מען אויך ניט. מיר ארבייטען אלע אין איין ריכטונג. אבער צו וואס זאלען מיר זיך פערטומלען די קעפ מיט שרייענדיגע ווערטער? מיר געהן דאך יע צום ציעל — הייסט דאס, אז מען דארף נאר רוהיגערהייט דיינקען און האנדלען — (ווענדט זיך צו די אנדערע). ער זידט ווי א קעסעל! וואס הייסעס בלוט איז! נישט קשה. דאס וועט זיך ביי איהם אבקיהלען — און עס וועט נאך ארויס פון איהם א טיכטיגער ארבייטער פאר דער זאך. (דער תלמיד שמייכעלט). ער קאכט ווי זודיגע וואסער. אבער מיר האבען אויס־געהערט זיין דרשה מיט געדולד, קיינער פון אונז האט ניט גע־ענטפערט אויף איהר, ווייל נאך אלעמען וואלט דאך געווען שווער איהם ווידערצושפרעכען. (צום דאקטאר). מיר שטימען דאך אלע איין — און ניט פון היינט אן — ניט אמת, דאקטאר?

ד א ק ט א ר. איך האב אבער מורא, אז מיר זאלען ניט בלייבען איינע אליין. מיט וועמען מען קען, דארף מען זיך פעראייניגען.

ג ר י נ א ר י. די ליבעראלען וועלען קעמפפען מיט אונז צו־זאמען. בעטען און ווארטען וועט זיי סוף כל סוף דערעסען.

ת ל מ י ד. (מיט ענטריסטונג). אויף וואס׳ערע קלאגען דאר־פען מיר זיי האבען? קאם וואס זיי וואגען אויף די באנקעטען זיי־ערע ארויסצורעדען דאס געפעהרליךווארט „פרייהייט“.

ב א נ ק י ר. זיי ציטערן פאר דעם רויטען שאטען.

ת ל מ י ד. א קאנסטיטוציאנעלע מדינה מיט א קיסר בראש — העכער פון דעם אידעאל הויבט זיך ניט אויף זייער פאנ־טאזיע.

ב א נ ק י ר. און אין דער דאזיגער קאנסטיטוציאנעלער מדינה — וויטער די אייגענע נאהאיקעס און ביקסען.

ד א ק ט א ר. האב קיין מורא ניט. זאל נאר א־פריער דער אלטער רעזשים זיך אבטראגען אין זיין רוה! וועסט שוין זעהן, ווי זיי וועלען ווערען אנדערש.

ג ר י נ א ר י. מילא, ביסטו גערעכט. הערט־זשע, חברה. איהר ווייסט דאך, אז איך האב געשריבען קיין פעטערבורג, מען זאל אונז צושיקען מענשען, ווייל ערשטענס די בעוועגונג פער־שפרייט זיך וואס פון טאג, און צווייטענס די לעצטע פערלוסטען האבען ביי אונז אנגעמאכט א געוואלדיגען חורבן. ענטפערט מען פון דארטען, אז ביי זיי איז די זעלבע צרה. דערצו האבען זיי נאך א מאסע ארבייט מיט דער עסקאדרע, וועלכע פאהרט אב אין דעם ווייטען מזרח.

ת ל מ י ד. דאס זיינען כוואטען!

ד א ק ט א ר. גערעכט. פערגיסען אזוינע טייערע בלוט פאר׳ן קיסר — איז פשוט אן עברה.

ג ר י נ א ר י. ניט־פערנומענע מענשען האבען מיר ניט — שרייבען זיי — קיין איין טוער קענען מיר אייך ניט שיקען, אבער דערפאר באמבעס, ווי פיעל איהר ווילט.

ת ל מ י ד. (מלא שמחה). בראווא — איהר הערט!

ג ר י נ א ר י. זיי שרייבען, אז דעם זעלבען ענטפער מוזען

זיי אויך געבען אין אנדערע גובערניעס, און אז זיי זעהן ניט קיין שום שטערונגען דערינען.

ת ל מ י ד. וואסילי, דער אנהויב איז באלד געמאכט! איך הער שוין קלינגען די גלאָק פון בלוט —

ג ר י ג א ר י. כאפ־זשע ניט —

ת ל מ י ד. דו זאגסט דאך אליין, אז עס זיינען ניטא קיין שום שטערונגען!

ג ר י ג א ר י. (מיט'ן טאן פון מוסר). דו פערגעסט אן דעם סטרייק גאר אין גאנצען. (גיט א שטארקען קלאפ מיט דער האנד אי־בער'ן טיש). דער סטרייק מוז געוואונען ווערען. עס האָט שוין גע־נומען פאלען דער מוט ביי די סטרייקער. אלזא האָט דאס סטרייק־קאמיטע בעשלאסען ארויסצופיהרען די ארבייטער אויף א דע־מאנסטראציע. היינט נאך מיטאג ווע‍לען זיך די סטרייקער צונויפ־קלייבען אין פינף קלויסטערס צו דער גאטעסדינסט — אויך אט אין דעם קלויסטער (באווייזט אויפ'ן פענסטער) פון דער הייליגער אננא. נאך דער עובדא ווע‍לען זיך די פינף גרופען צוזאמענקומען און רוהיג, מיט געזאנג אוועקמארשירען איבער'ן שטאדט. דאס וועט מאכען דאס געפיהל פון אחדות א סך שטארקער. דעם סטרייק, זאג איך אייך, מוזען מיר געווינען. איך זעה ניט קיין אנ־דער וועג, ווי צוגעהן פאראויס מיט אונזער ארבייט. אויף דער היינטיגער דעמאנסטראציע לעגען מיר גרויסע האפנונגען. איך בין נעכטען ארומגעלאפען איבער די פראפעסיאנעלע פעראיינען — אלע זיינען בעגייסטערט פאר דעם פלאן — דער מוט פון די מאסען וועט זיך א הויב טאן מיט א מאָל גאר הויך. די פראצעסיאן מוז זיך אונבעדינגט איינגעבען, און מען דארף זעהן נאטירליך, אז קיין שום שטערונג זאל איהר ניט שטעהן אין וועג. א־ניט פערלירען זיי דעם גאנצען גלויבען אין זיעג, און די זאך איז אין דער גרעסטער געפאהר. דאס ווידער קען אונז טרייבען צו די אויסערסטע מיט־לען. איהר ווייסט, איך האָב געשריבען צו רעכנין'ען, אז די טעג— איך האָב נאטירליך ניט געזאגט וועלכען טאג — וועלען די סטריי־קענדע ארבייטער מארשירען איבער די גאסען — אז די פראצע־

סיאן וועט זיין א רוהיגע — און ער זאל איהר דעריבער ניט שטע־רען. ווען עס זאל איהם אבער יע אריינפאלען דער גאדאנק אין קאפּ די מארשירענדע אנצוגרייפען, דאן וועט ער בעקומען דעם פּסק, וועלכען ער האָט שוין לאנג פערדינט. איך האָף, אז דאסמאל וועט ער נאכגעבען, דער העדר גובערנאטאר — און ווען ניט— איבערמארגען איז די לעצטע פארשטעלונג — (אלע לאכען) — לאכט ניט — דער אבשידס־אווענד פון דער באלעט־טענצערין פלארא—

דאקטאר. אהא, זיין פאלובויניצע!

גריגארי. און ווערליג ווי מיר האָבען זיך דערוואוסט, האָט ער צוגעזאגט צו קומען אין טעאטער. אזוי שנעל ווי דער באַלעט איז געענדיגט, פאהרט ער אב — ביים ארויסגאנג וועלען שטעהן א גוזמא זשאנדארמען און געהיימע אגענטען — ער קען אבער קומען צו זיך אין פאלאץ נאר דורך צוויי גאסען: גארטען־גאס און שלאס־גאס — (שנעל, ענטשלאסען) — און איך נעם שוין דעם עסק אויף זיך!

תלמיד. עס זיינען דאך נויטיג וועניגסטענס צוויי: איי־נער אין גארטען־גאס, דער אנדערער אין שלאס־גאס — (מיט פרייד) — איך בין דער צווייטער.

גריגארי. (זעהר ערנסט). ניין, ברודער. דיך דארפען מיר נאך האָבען פאר אנדערע זאכען.

וואסילי. (ער האָט שוין געוואלט פריער ריידען, אבער דער תלמיד האָט איהם ניט געגעבען די געלעגענהייט. רוהיג, מיט א גע־בראכענער שטימע). ברידער, איך נויטיג זיך יעצט אין א שטיקעל ארבייט. וואס זאל מיר צושטרייען די געדאנקען. איך קען ניט ווי־סען, ווי לאנג מיין קאראנטין וועט געוועהרען, און פערלאזען די שטאדט וויל איך ניט. איך האָב זיך אוועקגעגעבען צו דער זאך מיט אלעמען, דאס ווייסט איהר דאך; אבער גלויבט מיר, איך קען איך מעהר ניט ברייגנען קיין שום נוצען. (בלייבט שווייגען. דער־נאך מיט א בעטענדער שטימע). ברידער, נעמט אן מיין בקשה — דאס איז פאר מיר אליין א טובה — מיין האנד איז א זיכערע —

איהר קענט מיך דאך — גיט מיר איבער די ארבייט. (גריגארי דריקט איהם די האנד שווייגענדיגערהייט).

באנקיר. (שטעהט אויף און לויפט הין און צוריק איבער'ן צימער, אן אויפגערעגטער). דאס געלד, אויסגעריסען זאל דאס ווערען!

גריגארי. יאמער ניט, באנקיר, ווען ניט דיין געלד — די ביזט דאך אונזער וויכטיגסטע שטיצע —

באנקיר. אזוי? איהר זאלט מפקיר זיין אייער לעבען, און איך זאל זיך רוהיג זיצען און זיך קוויקען מיט'ן ספעקטאקעל...

גריגארי. דו ווילסט דורכאויס, אז זיי זאלען קאנפיס־צירען דיינע מאיאנטקעס? זאג דו אליין, וואלט דאס ניט געווען פאר אונז דער גרעסטער קלאפ? שולדיג איז דיין טאטע עה"ש, וואס ער האט דיר ניט איבערגעלאזט די ירושה אהן א שום תנאי — דו וואלסט דעמאלסט אלצדינג פערקויפט — מיר וואלטען געקראגען דאס געלד — און דו האסט זיך געקענט אפילו לאזען אויפהייגען, אויב דו ביינקסט אזוי שטארק נאך דער תליה. אבער יעצט. קענסט זיך ניט העלפען און מוזט בלייבען לעבען, צוליעב אונז.

באנקיר. (פערצווייפעלט). זיצען מיט צונויפגעלעגטע הענד און צוזעהן, ווי איהר גיט אב דאס לעבען — (מיט א ביטע־רען געלעכטער) — און איך דאס געלד. דאס איז א נידערטרעכ־טיגקייט!

גריגארי. (טוט אויף איהם א מאך מיט דער האנד). וואס רעדט מען מיט דיר! א דאקטאר וועט דיך אויך ניט אויסהיילען. נו, מען דארף געהן. תלמיד, דו וועסט אריינגעהן אויף דער קוואר־טיר, עס איז נאך נויטיג צו פערשפרייטען א פאר פראקלאמאצי־עס — דו וועסט דאס טאן אט דא אָ, לעבען דער הייליגער אננא. — דאָ אין אלמער וועסטו געפינען א העמדעל און א פאר שטיפעל — קאנסט זיך גלייך טאקי איבערמאן — כדי ניט צו פערלירען איבע־ריגע צייט.

תלמיד. גריגארי, אנשטאט פראקלאמאציעס, וואלט א סך גלייכער געווען, מיר זאלען אריינשפארען יעדערן אין האנד

אריין א פאר פילען פון דינאמיט. דיר וועט דעמאלט ניט אויסקומען צו בעטען רחמים און צו סטראשען זיין עקסעלענץ דעם גענעראל־גוברנאטאר. ווען ער זאל אפילו היינטיגען טאג ווערען שטיל ווי א לעמעלע, דארפען מיר אויך ניט — (ענדיגט ניט). איך האב מורא, אז דו וועסט זיך אין איהם נארען!

ג ר י ג א ר י. (ביים אוועקגעהן, פול מיט האפנונג). אט וועט איהר זעהן — די דעמאנסטראציע וועט היינט ארוים גרעאטענער ווי אלע מאל, זי וועט מאכען דעם טיפסטען איינדרוק — צום ווידערזעהן, וואסילי — דאקטאר, דו זיי מוחל געה ארוים דורך דעם צווייטען טויער. (אב מיט'ן דאקטאר).

ת ל מ י ד. (האט שוין אנגעטאן אן ארבייטער־העמדעל און שטיפעל מיט כאליאוועס, און זיינע אייגענע זאכען אריינגעלעגט אין אלמער).

ב א נ ק י ר. (לויפט אונגעדולדיג הין און צוריק איבער'ן ציי־מער, כאפט זיין קאפעליוש און זיין פלעד, דריקט די האנד וואסילי און דעם תלמיד, ניט ארויסרעדענדיג א ווארט, און געהט שנעל אוועק).

ת ל מ י ד. (רופט איהם). הערסט, באנקיר! נאר די נאז ניט אראבגעלאזען!

וו א ס י ל י. האסט אפשר וואס צו לייענען?

ת ל מ י ד. (נעמט ארויס פון קעשענע א זשורנאל). א פרישע נומער — אלזא צום ווידערזעהן — יע, שיער ניט פערגעסען. — נעכטען האב איך איינעם געמוזט געבען דיין אדרעס.

וו א ס י ל י. וועמען איז דאס?

ת ל מ י ד. אננא ריקאנסקאיא.

וו א ס י ל י. (אויפגעלעבט). דו האסט מיט איהר גערעדט? וואס מאכט זי?

ת ל מ י ד. זי איז נעכטען אריין אויף דער קווארטיר. צו־ליעב דער געשיכטע מיט דער דרוקעריי, האט זי געמוזט אויף א געוויסע צייט נעלם ווערען — זי וואהנט יעצט עפים ביי איהרער א טאנטע, דא אין שטאדט — זי פיהלט זיך דארטין אזוי זיכער, דאס זי האט זיך אטוואזשיעט, ווי דו זעהסט, צו קומען אויף דער

קוואַרטיר. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט נאָך דיר, האָב איך איהר גע־געבען דיין אדרעס.

וו א ס י ל י. (מיט א פארוואורף). צו וואס?

ת ל מ י ד. זי איז צוגעשטאנען.

וו א ס י ל י. (פערוואונדערט, דאך צופרידען). צוגעשטאנען? (בלייבט זיצען טיעף אריינגעטאן אין די געדאנקען).

ת ל מ י ד. (געהט צו דער טיהר און שטויסט זיך אן אויף ארינא). זיי געזונד, אלטיטשקע. גיב אכטונג אויף אונזער פריינד. היט איהם ווי אן אויג אין קאָפּ.

א ר י נ א. (אונגעפעהר 60 יאהר אלט, דער רוקען א ביסעל איינ־געבויגען, אבער נאך פול מיט לעבען; אין גאנצען גראָ). ביי מיר זיינען איינגעשטאנען וויכטיגערע מענשען— און זיינען געבליבען גאנץ.

ת ל מ י ד. (לאכט). יע, וויכטיגערע, ביסט גערעכט. (צו וואַ־סילי, וועלכער זיצט נאך אלץ פערטיפט אין זיך). זי דינט שוין ביי אונז א שאק מיט יאהרען. ווייסט, דער ראטלאָוו, וועלכען מען האָט אויפגעהאנגען אין פינף און אכציגסטען יאהר. איז זי געווען זיין אם, און פון דעמאלט אן — (אין א שפּאס צו ארינא) — אז מיר וואלטען געהאט די מאכט צו פערטיילען ארדענס, וואלט זי געקראָ־גען ביי מיר דעם גרעסטען ארדען, — אבער די ארדענס זיינען אלע ביים קיסר. (לאכט). זייט געזונד. (אב).

א ר י נ א. (געהט צו צום טיש, נעמט צוזאמען די גלעזער. צו זיך פערביסען). קיסר— קיסר— קיסר— (געהט צו צום קאנאפּע, וואו וואסילי זיצט). זאגט נאר, וואסילי, ווי לאנג וועט ער זיך נאך האל־טען? איך ווארט שוין אזא צייט אויף זיין סוף. (וואסילי זיצט פערטיפט און בעמערקט זי ניט. מיט א טאן פון בעליידיגונג). עט... (ראמט ווייטער פון טיש).

וו א ס י ל י. (לעגט זיך אנידער און פייפט אן אומעטיג רוסיש לידעל).

א ר י נ א. (קוקט זיך איין אויפמערקזאם אין וואסילי, דער־נאך געהט זי צו נעהענטער צו איהם, שאקעלט מיט'ן קאפּ צערטליך). וואסילי ביינקט נאך עפּים. ניט געטראפען, האָ?

וו א ס י ל י. (הערט אויף צו פּייפען און קערט אום זיין געזיכט צו איהר).

א ר י נ א. אהא! איך קען די אלע זאכען. מען ביינקט נאך דער לבנה, ווייל דארטין אויף דער לבנה זיצט אימיצער. (וואסילי שמייכעלט. מיט נצחון). אט זעהט איהר. מיך וועט שוין קיינער ניט נארען. (בעת זי רעדט ראמט זי אויף די שטוב). איהר זייט אלע אזוי, איך קען אייך גוט. כוואטסקע יונגען זייט איהר — (בעמערקט די הויזען, וואס הייגגען אין ווינקעל, און נעמט זיי ארונטער) — אבער (אין כעס) מען קען אייך גאר קיין מאָל ניט אויסלערנען צו האלטען די הויזען אין אלמער, און ניט אויף דער וואנד.

וו א ס י ל י. פערשטעהט זיך, ווען מען האָט נאך א פּאר.

א ר י נ א. (הערט ניט). ניט אנדערס ווי אויף דער וואנד. און אלע אזוי — אלע—

וו א ס י ל י. (וויל זי בערוהיגען). וואס בורטשעסטו, וואס? אונז קען מען שוין ניט איבערמאכען.

א ר י נ א. (לעגט אוועק די הויזען אין אלמער). דערציילט מיר ניט מעשיות, איך קען אייך. (געהט ווידער צו צו וואסילי). איהר האָט ווען געהערט פון אליאָשקאַ'ן — אלעקסאנדר ראטלאָוו?

וו א ס י ל י. ווי־זשע?

א ר י נ א. (שטאלץ). איך בין געווען זיין אם. (זעצט זיך לעבען וואסילי). זיין מאמע איז געשטארבען, בשעת זי איז געגאנגען מיט איהם צו קינד. און איך האָב איהם גענומען צו זיך און אויפגעצויגען. ווי גוט ער איז געווען, ווי איידעל — אבער זודיגעם בלוט האט ער געהאט — און איין מאָל — אין מיטען דער נאכט — רייסען זיך אריין זשאנדארמען — און די הינד שלעפּען איהם אוועק— מיר האָבען איהם שוין מעהר ניט געזעהן. זיי האָבען אפילו דעם פאטער קיין איין מאָל ניט צוגעלאזען צו איהם — ער איז דעמאלט אין איין נאכט ווייס געווארען ווי שנעע — מיך אויך האָבען זיי ניט געוואלט אריינלאזען. זיי האָבען מיר געזאגט, איהר הערט, אז זיי וועלען מיך פרעשיקען, ווען איך קום צוגעהן נאך א מאָל. (שווייגט א ווײלע). און אט אזוי אָ האָבען מיר ניט גע־

וואוסט, ווען זיי האָבען איהם גע׳משפט, ווען ער איז געשטארבען. (זי שלוכערצט). זיי האָבען איהם אויפגעהאנגען — צוואנציג יאהר איז ער אלט געווען — דאס וועל איך אייך ניט פערגעסען ביז מיין ענד לעבען, איהר תליונים! (ביסלעכווייס בערוהיגט זי זיך און ווישט אויס די אויגען). זאגט מיר, ווי איז אייגענטליך אייער נאמען? כ׳מיין דער ריכטיגער נאמען, ווי מען האָט אייך א נאמען געגעבען ביים געבורט?

וו א ס י ל י. וואס איז די נפקא מינא, אלטיטשקע? די חברים רופען מיך וואסילי, און אז איך וועל זיך אבטראגען, וועלען זיי מיך דערמאנען מיט׳ן נאמען וואסילי. נו, און די אנדערע, וואס דארפען זיי א שטייגער וויסען, ווער איך בין געווען?

א ר י נ א. (שאקעלט מיט׳ן קאפּ, פערטראכט זיך, שווייגט א ווײַלע. וויל געהן. פלוצלינג דערמאנט זי זיך). אוי, וועה איז מיר, מיר איז דאך גאר פון זינען ארויס. סאשא, דער שכנה׳ס אינגעל, אזא יאהר אויף מיר, וואס פאר א פיין קינד דאס איז, האָט פריער געוואלט צו אייך אריינגעהן, אבער איך האָב איהם ניט אריינגע-לאָזען — און ער האָט מיך געבעטען, איך זאל פרעגען ביי אייך, ווען ער קען צו אייך אריין. אלע הערען, וועלכע זיינען ביי מיר איינגעשטאנען, האָבען איהם אזוי האלט געהאט — א גרויל.

וו א ס י ל י. זאל ער קומען. גוט. ער קען קומען.

(דריי מאָל קלינגט דאס גלעקעל).

א ר י נ א. אָהאָ! דאס געהט מען ווידער צו אייך. צו קיינעם נעהן ניט אזוי פיעל מענשען — דאס איז ניט גוט.

וו א ס י ל י. אויב דאס איז א פרוי — לאָזט זי אריין — פרעגט ביי איהר גאר ניט—(ארינא אב און קערט זיך אום אין א רגע).

וו א ס י ל י. (וועלכער האָט געווארט מיט אונגעדולד, לויפט איהר אנטקעגען). נו, ווער איז דאס?

א ר י נ א. עפּיס איינער א הערר.

וו א ס י ל י. (ענטטוישט). ווי הייסט ער?

א ר י נ א. (וויל ארויסרעדען דעם נאמען). ערי—קון—

וו א ס י ל י. עריק קונצע?

א ר י נ א. אַט־אַט. כמעט אזוי.

ק ו נ צ ע. (געהט שנעל אריין. ער איז בקרוב 24 יאהר אלט, אנגעטאן נאך דער לעצטער מאדע, אלץ בלישצעט אויף איהם, מיט פער־דרעהטע וואנצעלעך. איך בענעמען זיך דער היפך פון וואסילי). וואס מאכסטו, וואסילי? (זיי צוקוסען זיך. ארינא אב).

וו א ס י ל י. (פערוואונדערט). ווי אזוי האסטו מיך אויסגע־פונען?

ק ו נ צ ע. (טוט אויס דעם מאנטעל). וואס פרעגסטו, וואס? שטעל זיך נאר פאר, גריגארי האָט זיך געוואלט מאכען, אז ער קען מיך ניט. איך בין איהם אבער נאכגעלאפען, געשריען צו איהם, און ער האָט געמוזט זיך אבשטעלען רעדען.

וו א ס י ל י. הייסט דאס, מיין אדרעסע האָט דיר געגעבען גריגארי?

ק ו נ צ ע. מיר איז דאס אנגעקומען מיט גרינגע ווערים. ער האָט זיך ארומגעקוקט מיט שרעק אין אלע זייטען, צו אימיצער שטעהט ניט דערביי, צו אימיצער זעהט ניט אדער האָרכט זיך ניט איין. איך האָב איהם געמוזט צוזאגען ווער ווייסט וואס, איידער איך האָב ביי איהם דאַקאזשעט דיין אדרעסע. אבער פאר וואס הייסטו יעצט אנדערס? פון וואס פאר א קאראנטין האָט ער גע־רעדט?

וו א ס י ל י. איך דארף היטען מיין פעל; ס'קען זיין, אז די וועלט וועט נאך עפּיס האָבען א נוץ פון מיר.

ק ו נ צ ע. (מיט א פארוואורף). און נאר פּלוצלינג ביסטו דע־מאלט אוועק פון פּאריז! אפילו ניט געזאגט קיינעם ניט א גוטען טאג. די בעל־הבית'טע דיינע האָט מעהר ניט געוואוסט צו זאגען, דאס דו האָסט זיך אריבערגעקליבען אויף א נייע דירה. עס איז דאך נאך געבליבען א גאנצער חדש ביז'ן טערמין פון דעם לעהר־יאהר. ערשט אין צעהן טעג ארום דערווייס איך זיך, אז דו ביסט אבגעפאהרען קיין רוסלאנד.

וו א ס י ל י. (איראניש). איך וועל דיר זאגען ווי די מעשה איז געווען. דער קיסר אונזערער, א געזונד צו איהם, זארגט פאר

אונז זעהר שטארק, און וואו מיר זאלען ניט פאהרען — בערלין, וויען, לאנדאן, צוריך, ניו יארק — שיקט ער אונז נאך גוטע מלאָ־כים, וועלכע דארפען אונז זיס מאכען דאס לעבען. און ווען אימי־צער פון אונז קערט זיך אום צוריק אהיים, קריגט ער אויפ'ן גרע־ניץ א קבלת פנים, אט טאקי ווי עס פאסט פאר'ן קיסר'ס א קינד. (אין א שפאס). זעהסטו, ברודערל, איך האָב ניט געוואלט האָבען קיין אפיציעלע בעגעגעניס מיט געזאנגג און קעסעל־פויק, איך קען צערעמאניעס איבערהויפט ניט ליידען — בין איך געקומען קיין רוסלאנד אונטער א פרעמדען נאמען — און דעריבער האָב איך דאס געקענט ארבייטען ווייטער.

קונצע. שרעקליך— שרעקליך—

וואסילי. יע, מיין פריינד. דאס, וואס איהר פערמאנט שוין א צייט מיט יאהרען, מוזען מיר זיך ערשט אויסקעמפפען. מיט'ן בלוט פון אונזער הארצען מוזען מיר זיך קויפען די עלעמענטארסטע פרייהייטען — קריסטוס האָט געליטען — יעדערער פון אונז איז אין דעם פרט א קריסטוס. (פערטראכט זיך אויף א ווייִלע). דער מענש פערמאגט נאר איין לעבען — ער קען אבער מיט זיין לעבען אזוי פיעל גליקליכע טעג קויפען פאר דער מענשהייט!

קונצע. איך האָב אייך אלע מאָל האָלט געהאט — דיך — און גריגארי — און די איבעריגע — איהר זייט אלע אזעלכע, ווי זאל איך אייך זאגען, עפּיס גאר ניט ווי די גאנצע וועלט.

וואסילי. (טרויעריג) מען רייסט פון אונז ארויס דעם גייסט פון יוגענד, נאָך איידער מיר דערגרייכען צוואנציג יאָהר. מיר זיינען אלט — מיר זיינען גאָר אנאנדער יונגווארג, ווי אייערע דאָרטען אין מעריב־אייראָפּא.

קונצע. (מיט אַ טאָן פון רחמנות). גאָט מיינער, ווי אָרים איהר זייט !

וואסילי. (ביטער). יע, איהר האָט מיט אונז מיטלייד אין אייראָפּא — ניט אמת, וואָס ? — פיעלייכט קלייבט איהר נאָך גראָשענע נדבות פאר אונז — אוי, ווי גלייכגילטיג איהר זייט! פאר דער זעלבער זאך, וואָס איהר האָט בעצאָהלט פאר איהר איין עמער בלוט, דארפען מיר בעצאָהלען א גאנצען ים. שוין א הונדערט

יאָהר, ווי מיר פיהרען אָן אָט דעם ניט־גלייכען קאמפף — זאָגט פאר אייך איז אונזער קאמפף ניט מעהר ווי א ספעקטאקעל — וואָס דארף אייך ארען? איהר זיצט דאָך גאנץ רוהיג אויף אייערע פריוויהייטען —

קונצע. ס'ווייזט אויס, אז אייער לאגע איז טאקי א מיאוס'ע, ווען איהר דארפט שוין מקנא זיין די דאָזיגע אייראָפּעאישע פריוויהייטען.

וואסילי. ווען איהר זאלט ארבייטען פאר זיך אזוי ענערגיש ווי מיר, וואָלט איהר זיך שוין דערשלאָגען צו א טאָלק.

קונצע. אלץ קומט מיט דער צייט — אלץ קומט פון זיך אליין —

וואסילי. (מיט פערזאכט.נג, וואָס ער סטאַרעט זיך צו דערשטיקען אין זיך, און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ). יע, איהר שווימט זיך אין דעם ווארימען וואסערל פון דעם לאנגזאמען פּראָצעס פון ענטוויקלונג. איהר ציטערט פאר בלוט, איהר זעהט אויסצומיידען דעם ענערגישען און ענטשלאָסענעם צוזאמענשטויס — (ענדיגט ניט). וואָס איז דאָ צו רעדען! אויף אונזערע שלאכטען קוקט איהר מיט דעם זעלבען אינטערעסע, ווי מען קוקט א שטייגער אויף דעם יאגען זיך פון ספארט־פערד—עס ווילט זיך וויסען, וואס'ער פערד וועט קומען א־פריער צום קלאָץ? און אין דער אמת'ן ווייס איך נאָך ניט, פאר וועמען איהר האלט מעהר, פאר דאָס רוסישע פאָלק אָדער פאר די ראָמאנאָווס. די אייראָפּעאישע פעלקער וועלען זיך פון דעם שאנד־פלעק קיין מאָל ניט אָבוואשען.

קונצע. (מיט א לייכטען הארצען). וואָס־זשע ווילסטו מען זאָל טאָן?

וואסילי. (מיט האס). דעם געשוויר דארף מען עפענען, ווען מען וויל געזונד ווערען. טיעף ארייגלאָזען דעם מעסער און אויסקוועטשען ביז א טראָפּען דעם גאנצען פאסקודנעם אייטער— ער פער'סמ'ט דאָך דאָס בלוט. רוסלאנד ביי היינטיגען טאָג איז די פינסטערע ווילדקייט גופא, איז א חוזק איבער אייער ציוויליזירטען אייראָפּא —

קונצע. (מיט אונגעדולד). זיי האָבען דאָרטען גענוג איי־גענע שווארצע וועש —

וואסילי. זעהט איהר דען ניט, אז אונזער שונא איז אויך אייער שונא? אז ער איז א געפעהרליכער געגנער פון יעדען מין קולטור? (ביטער). און פאר איך איז אונזער פערצווייפעלטער קאמפף בלויז א סענזאציאָן, וואָס קיצעלט אייך די נערוועען — איהר אמוזירט זיך — ווי א מאָל דער רוימישער המון — בעת מען האָט די ערשטע קריסטען געלאָזט אויפפרעסען פון ווילדע חיות אין צירק.

קונצע. (קוקט אויפ'ן זייגער, אין אַ שפּאַס). ווייסט וואָס, איך וועל צו דיר אריינגעהן אנאנדערס מאָל, ווען דו וועסט זיין בעסער אויפגעלעגט. איך האָב יעצט קיין צייט ניט. אום האלב פינף מוז איך זיין ביים באראן קאָרסאָוו.

וואסילי. (ווערט שטאַרק פעראינטערעסירט). פון וואנען קענסטו איהם?

קונצע. פאָר־א־יאָהרען האָב איך זיך בעקענט מיט איהם אין אָסטענדע און מיר זיינען געוואָרען זעהר בעפריינדעט.

וואסילי. הערסט, דאס איז דאך א גליק פאר אונז! דער באראָן איז א גאנצער קנעפּעל מיט'ן קאָמענדאנט פון טיורמע, און (ענערגיש) דו מוזט אונז העלפען.

קונצע. דו ווייסט דאָך, אז איך האָב דיר אין קיין שום זאך ניט געקענט אָבזאָגען. אָבער (מיט אַ שמייכעל) מיט אייערע טיורמעס וואָלט זיך מיר זעהר ניט וועלען שליסען בעקאנטשאפט. (טוט אָן דעם מאַנטעל).

וואסילי. האסט ניט וואָס מורא צו האָבען — אונזערע ווייסען שוין זייער געשעפט (דריקט קונצע די האַנד). אלזאָ, מאָרגען, ארום עלף דעם זייגער, ביסטו דאָ, אָבער זעה — היט זיך — דאָס הייסט, בעווייז זיך וואָס מעהר אין עפענטליכע פּלעצער מיט דעם באראָן — און דאן קענסטו צו אונז קומען ווי פיעל דו ווילסט — מחשבות'ן, וואס פאר א ווינד האָט דיך פערטראָגען אין אונזערע מקומות?

ק ו נ צ ע. (טוט אָן די האַנדשוה). איך פאָהר קיין באקו — (ברייטלאך) — אלס פערטרעטער פון א מאשינען־פאבריק אין בריי־סעל, פערשטעהסט? דו האָסט קיין בעגריף ניט, ווי איך האָב זיך דערפרעהט ווען איך האָב דערזעהן גריגאָרי און זיך דערוואוסט פון איהם, אז דו געפינסט זיך אויך דאָ. אין א חדשים צוויי ארום וועל איך זיין אין בריסעל.

ו ו א ס י ל י. (שאקעלט מיט'ן קאָפּ). דארטען, הייסט דאס, אין אייראפא? ווייסט וואס? זאג זיי מוחל מאדאם אייראפא, דאס עם איז שוין צייט פאר איהר אויסצוטאן און אוועקצוואַרפען די רוסישע קרינאלינע — די מאדע אויף קרינאלינען איז שוין אויס־געגאנגען — און אגב קען זי זיך נאך פערפלאנטען אין דעם מלבוש און חלילה פאלען.

ק ו נ צ ע. (לאכט). גוט. איכ'ל איבערגעבען פינקטליך. זיי געזונד. (אב).

ו ו א ס י ל י. (שרייט איהם נאָך). פערגעס־זשע ניט צו קו־מען מאָרגען. (בלעטערט דעם זשורנאַל, וואָס דער תלמיד האָט איהם איבערגעלאָזען. אַ קלאַפּ אין דער טיהר). אריין! — (סאַשאַ געהט אריין). — סאשא! (שטרעקט איהם אויס ביידע הענד).

ס א ש א. (16 יאָהר אַלט, אין דעם מונדיר פון א רוסישען גימנאַזיסט. אַ ביסעל פערשעמט, גיט ער וואסילי זיין האַנד). ענט־שולדיגט מיר. (נעמט ארויס אַ בוך פון דער אינעווייניגסטער קעשענע פון רעקעל און דערלאנגט דאס וואסילי). א דאנק אייך, איך געפין ניט קיין ווערטער אום אייך אויסצודריקען מיין דאנקבארקייט.

ו ו א ס י ל י. שוין איבערגעלייענט?

ס א ש א. צוויי מאָל.

ו ו א ס י ל י. וואָס רעדט איהר?

ס א ש א. איך האָב געשלונגען די ווערטער. (פערשעמט). זאָגט מיר, איך בעט אייך — וואסילי איוואנאָוויטש — נעמט מען דאָרטען ביי אייך אריין אלעמען? וועלען זיי אריינעמען מיך? ווי מיינט איהר?

ו ו א ס י ל י. (מיטפיהלענדיג). וואָס וויל דאָס סאשא אויפ־טאָן ? וואָס דרעהט זיך ביי איהם אין קאָפּ ?

ס א ש א. (מיט היץ). איך וואָלט וועלען ארונטעררייסען פון זיך אָט דעם מונדיר און אוועק צו זיי דאָרטען — מיט זיי אר־בייטען. איהר ווייסט ניט, ווי עס ציהט מיך צו זיי — (פערצווייי־פעלט). נאָך צוויי יאָהר צו ענדיגען די גימנאזיע — אזוי לאנג נאָך צו ווארטען — איך וועל קיין געדולד ניט האָבען צו ווארטען אזוי לאנג —

ו ו א ס י ל י. סאשא האָט נאָך גענוג צייט, נישט קשה. פער־דרעהט זיך ניט דעם קאָפּ, סאשא !

ס א ש א. (מיט טרערען אין דער שטימע). מיין אָרימע מאמע — זי וועט זיך אזוי שטארק קלעמען — אָבער איך קען אנדערס ניט —

ו ו א ס י ל י. (קוקט אויף איהם מיטפיהלענדיג).

ס א ש א. איהר ווייסט ניט, ווי עס האָט זיך מיר געוועלט באווייזען דאָס בוך די חברים און איבערלייענען פאר זיי אַ פּאָר שטיקלעך, אז זיי זאָלען אויך פערזוכען דעם טעם פון גליקזעליגקייט. מיט יעדען מענשען האָט מיך געצויגען צו רעדען וועגען דעם — און האָב געמוזט האַלטען דאָס בוך טיעף פערשטעקט אין דער קע־שענע און אכטונג געבען, אז דאָס זאָל חלילה ניט ארויספאלען — אז קיינער זאָל דאס ניט דערזעהן — אזא מין בוך זאָל מען דאר־פען בעהאלטען ! — איז דאָס ניט אַ מורא ? (פון דעם דערבייאי־גען קלויסטער דערהערען זיך די טענער פון אָרגאַן ; אין אַ ווייִלע ארום הערען זיי אויף, און אזוי חזר'ט זיך איבער אַ פּאָר מאָל. ביידע האָרכען זיך איין). ווי שיין ס'הערט זיך ביי אייך דער אָרגאן. ביי אונז אין שטוב הערט מען גאָר ניט. (געהט צו צום לינקען פענסטער און קוקט זיך איין דרויסען). זעהט נאָר, ס'ארא גוזמא מענשען עס געהן דאָס היינט אין קלויסטער פון דער הייליגער אננא. (קערט זיך ווידער אום צום טיש, נעמט דעם זשורנאַל אין האַנד, בלעטערט איהם און שטעלט זיך אָב אַ לאַנגע צייט אויף אַ בילד. ענטציקט). דאָס —

איז — סאָפיא פּעראָווסקאיא — דאָס איז זי ? ! (מיט אַ מאָל ברעכט ער אויס אין אַ געוויין).

וואסילי. וואָס איז מיט איך, סאַשאַ ? הא ?

סאשא. (שלינגענדיג די טרערען). דער לעהרער האָט היינט געזאָגט, אז די ניהיליסטען זיינען בלויז לומפּען און אויסוואורפען— און איך האָב געמוזט זיצען רוהיג — ניט געטאָרט אויסרעדען א וואָרט — איך האָב געטראַכט וועגען דער מאַמען — איך מוז געבען שטונדען—(ער קען זיך ניט בערוהיגען. מיט א בעטענדער שטימע). ענטשולדיגט מיר — איך וועל קומען אנאנדערס מאָל — (ווישט די אויגען מיט זיין שנופּטוך. שנעל אָב).

וואסילי. (געריהרט, קוקט אין דער זייט, וואו סאַשאַ איז אַוועק, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ. געהט הין און צוריק שטאַרק פערטראכט, שטעלט זיך אב איין רגע ביים פענסטער, און מיט א טיעפען זיפץ זעצט זיך אנידער אויף דער סאפא. פערוואַרפט די הענד איבער'ן קאָפּ און פייפט דאָס פריעריגע אומעטיגע לידעל. אין א פּאָר מינוטען ארום הערט ער אויף צו פייפען און שטעלט אָן דעם בליק אויף איין פונקט. — דער אָרגאַן שפּילט. — מען קלאַפּט אין טיהר. — וואסילי הערט ניט).

אננא. (אין הוט און יאַקעל, געהט אריין שטילערהייט, דערזעהן וואסילי פערטראַכט, געהט זי ארום דעם טיש אויף די ציפּקעס און קומט צו צו וואַסילי פון דער לינקער זייט).

וואסילי. (בעמערקט זי, שפּרינגט אויף ראַפּטום, לויפט איהר אַנטקעגען און ניט אויסרעדענדיג אַ וואָרט דריקט ער איהר די האַנד).

אננא. (טוט אויס דעם הוט מיט'ן יאקעל, פרייליך). מיין קומען וואונדערט אייך ניט ?

וואסילי. (הייזעריג, ליידענשאַפטליך). איך האָב געוואוסט, אז איהר וועט קומען.

אננא. (ערשטוינט). איהר האָט געוואוסט ? ווי קען דאָס מעגליך זיין ? (אין אַ שפּאַס). איהר רעדט זיך איין וועד ווייסט וואָס.

וואסילי. שוין צעהן טעג, ווי איך רוף אייך אהער —

אננא. (שמייכעלט). אייער שטימע איז אָבער צו מיר ניט דערגאנגעו — (פלוצלונג געהט איבער אויף אַנאַנדער טאָן). איך האָב איינפאך מעהר ניט געקענט פערטראָגען דעם קאראנטין. שטעלט זיך נאָר פאָר. איך בין אוועק דעמאָלט אין דער דרוקעריי, אויפ'ן צווייטען טאָג נאָכ'ן ארעסט, איך האָב דאך פון קיין פותר חלום ניט געוואוסט, טו איך א קוק אין פענסטער — ניטאָ דער טאָפּ מיט די בלומען! צו מיין גליק, איז דער דוואָרניק ניט געשטאנען ביים טויער. איך האָב נאטירליך די מינוט געמאכט פּלטה. איך קום אויף דער קווארטיר, און דאָרטען זאָגט מען מיר אָן די טרויעריגע בשורה. איך האָב געמוזט זיך אָבטראָגען וואָס שנעלער. ווייל עס האָט זיך געהערט, אז די פּאליציי־הינד מיט סעמיאָן'ען דעם דווארניק לויפען ארום ווי פער'סמ'טע מייז איבער'ן שטאדט און זוכען די פראנצוויזינקע. איך האָב אין דער גיך צונויפגענומען מיי־נע בעבעכעס, געלאָזט וויסען דער באלאבאָסטע מיינער, אז איך פאָהר אוועק קיין פּעטערבורג, און האָב זיך אריבערגעקליבען צו מיין טאנטע אויף דער גאָרטען־גאס.

וואסילי. אויף דער גאָרטען־גאס?

אננא. וואָס איז?

וואסילי. ניט ווייט פון דער אָפּערא —

אננא. נו, יע. פון פענסטער זעהט זיך די אָפּערא. (שנעל ביים דעם טאָן). מיין טאנטע האָט זיך דאָס א ביסעל דערפרייט מיט מיר! באלד גענומען אויספרעגען וועגען פּעטערבורג. זי האָט נע־ביך ניט געוואוסט, אז שוין צייט א האלב יאָהר ווי איך געפין זיך דאָ אין שטאָדט. איהר מאן איז א טשינאָווניק אין דער פינאנץ־אבטיילונג און, ווי איהר קענט זיך פארשטעלען, א פערביסענער שונא די סאָציאליסטען. מען קען שטארבען פון געלעכטער, ווען ער לאָזט זיך פאנאנדער וועגען זיי. אָבער דערפאר וועט מיך דאָרטען קיינער ניט טשעפּען — וועמען וועט גאָר איינפאלען צו זוכען די רעוואָלוציאָנערקע ביי אזא חשוב'ען מענשען אין שטוב? — דאָך, וואָלט איהר וויסען, ווי פּיינליך עס איז צו זיצען ווייט פון אלעמען

און גאָר ניט קענען טאָן פאר דער זאך ; ניט צו וויסען אפילו, וואָס עס געהט פאָר, וואָס אונזערע מאַכען, ווער עס לעבט נאָך — (אונגעדולדיג) — די הויט האָט גענומען ברענען אויף מיר, איך האָב שוין מעהר ניט געקאנט אויסהאַלטען און בין אוועקגעלאָפען אויף דער קוואַרטיר. דאָרטען האָט מען מיר געזאָגט, אז איהר זייט נאָך דאָ. כ'האָב געקראַגען אייער אדרעסע...

וואַסילי. (פאַלט איהר אריין אין די רעד — מיט אַ פער־שטיקטער פרייד). איהר זייט עפּיס היינט — גאָר — אנאַנדערע — אננא.

אננא. (צערטליך). דער אָרימינקער — האָב איך געטראַכט ביי זיך — ליידט געוויס אזוי ווי איך —

וואַסילי. אלזאָ, ניט צוליעב דער זאך זייט איהר גע־קומען, אננא ?

אננא. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ). שוין צעהן טעג זיינען פאַר־ביי, וואַסילי, ניט אמת ? (רייצט זיך מיט איהם) און איהר נאַטיר־ליך — (מיט ברייטקייט) — האָט געדיינקט ?

וואַסילי. (צומישט, מיט א וועהטאָג). אננא, איהר מאַכט חוזק. (שנעל). סאָפיא, ווי ס'ווייזט אויס, האָט אייך עפּיס אָנגע־פּלוידערט ?

אננא. וואָס עפּיס ?

וואַסילי. ניין — גאָר ניט — גאָר ניט — בעסער אז ניט — (געהט הין און צוריק אן אויפגערעגטער).

אננא. (טרויעריגע עראינערונגען בעפאַלען זי מיט אַ מאָל). סאָפיא, אָרימע, אָרימע סאָפיא — מאַשא — אנטאָן — וואָס הערט זיך מיט זיי — צו ווייסט איהר ניט — כאָטש וואָס ניט איז — הא ?

וואַסילי. (מיט אַ האַרטער שטימע). גאָט מיינער ! צו דען איז ניט אַלץ איינס !

אננא. (מיט שרעק). וואַסילי, וואָס רעדט איהר, וואָס ?

וואַסילי. (איראָניש, ביטער). די זאך איז פריער פאר אַלץ, די זאך. מענשליכע יסורים שפּילען דאָ קיין ראָלע ניט —

א נ נ א. איך דערקען אייך ניט, וואסילי — איך הויב אן אויף צו'ן אמת'ן צו צווייפלען —

װ ו א ס י ל י. ניט לאנג וועט אייך אויסקומען צו צווייפלען, אננא —

א נ נ א. (מיט א פארוואורף). וואסילי, וואס טוט איהר דא? וואס זייט איהר נאך ניט אוועקגעפאהרען? (מיט שרעק). זשאנ־דארמען זוכען דאך אייך, וואסילי — יעדע רגע קענט איהר אריינ־פאלען צו זיי אין די הענד.

װ ו א ס י ל י. איך וואלט שוין לאנג געװען דארטען, וואו אנטאן, סאפיא און מאשא זיינען — ווען ניט — (שטעלט זיך אב).

א נ נ א. ווען ניט וואס?

װ ו א ס י ל י. ווען ניט — (ליידענשאפטליך) — איהר —

א נ נ א. (ערשטוינט, מאכט צו די אויגען. אויסציהענדיג די ווערטער) — ווען ניט — איך?

װ ו א ס י ל י. יע . . . (אין א ווײלע ארום—אונענטשלאסען). איך וואלט זיי ניט אוועקגעװארפען דארטען, איינע אליין, אין דער דרוקעריי . . .

א נ נ א. (קומט צו זיך, שנעל). קאנטיג, אז אייך פערדריסט, וואס מען האט אייך ניט צוגענומען. און דאס רעדט איהר? איהר האט קיין רעכט ניט צו שפילען מיט אייער לעבען אזוי לייכטזיניג — אזוינע ווי איהר דארפען מיר האבען — נויטיג ווי דעם לעבען—

װ ו א ס י ל י. (מיט א ביטערען שמייכעל). נויטיג!—(סטראש־ענדיג). יע, איך בין נויטיג, אבער דא — יעצט —

א נ נ א. (ציטערט פון שרעק). וואסילי, וואס קלייבט איהר זיך צו טאן?

װ ו א ס י ל י. (איראניש). איהר האט מורא פאר מיין לע־בען?

א נ נ א. (מיט א וועהטאג). ווי גרויזאם איהר זייט!

װ ו א ס י ל י. דאס איז דאך פאר דער זאך — אננא אנדרע־יעוונא —

א נ נ א. (קעמפפט מיט זיך אליין). פאר וואס מוטשעט איהר מיך?

וואסילי. איהר האט נאך אלץ האלט צו דרשה'נען?

א נ נ א. (לאזט אראב די אויגען — האלט איין די טרערען; שעפּצעט מיט א פארוואורף). וואסילי, וואסילי —

וואסילי. (האט חרטה, מעסט די שטוב מיט גרויסע טריט). וואסילי ווייס ניט, וואס ער רעדט — איהר מוזט איהם מוחל זיין — וואסילי איז ניט מעהר דער זעלביגער — אנאנדער מענש איז ער געווארען — (ווארפט זיך אין א פאטערשטוהל, מיט געוויין) — וואו איז ער אהין געקומען, דער אלטער וואסילי?

א נ נ א. דער אייזערנער וואסילי!

וואסילי. (מיט וועהטאג). ניט אייזערנער — נאר שטרויענער — זאג איך אייך — וועלכער איז פערברענט געווארען פון א לעכערליכען פלאם, פון א נארישען פלאם — דער גרויסער, הייליגער פייער פון אמאל צינדט שוין מעהר ניט אן זיין נשמה — (טוט א קלאפּ אין טיש מיט דער האנד; פערצארנט און ענטשלאסען). אבער דאס טאר דאך ניט זיין אזוי — ער וועט איהם דערשטיקען, אט דאס קליין פלעמעל! (פערצווייפעלט, אין דער שטיל). וואו איז אהין געקומען דער אלטער וואסילי? (פערוווארפט דעם קאפּ אהינטער און שפּארט זיך אן אן דעם רוקען פון שטוהל — עס הערט זיך דער ארגאן).

א נ נ א. (געהט צו פון הינטען און גלעט איהם די האר מיט ביידע הענד). וואסילי, זאגט, וואס איז מיט אייך? (צערטליך). קומט צו זיך! (וויל אוועקנעמען די הענד פון זיין קאפּ).

וואסילי. (מיט צוגעמאכטע אויגען, בעט זיך). אה, נעמט ניט אוועק די הענד פון מיין קאפּ — גלעט מיר די האר. (פערטרוימט). נאטעניו — נאטעניו — ווי רוהיג איפ'ן הארצען — (עפענט אויף די אויגען, וויל עפּיס זאגען און קען ניט, שעפּצעט). אננא! (טוט איהר פלוצלונג א כאפּ פאר די הענד, האלט זיי א מינוט צוגעפרעסט צום קאפּ, פיהרט זיי לאנגזאם איבער'ן געזיכט צום מויל צו און קוסט זיי אין דער דאליאן מיט א געפיהל פון פערהייליגונג. בעת אננא

שטעהט פון הינטען און שלינגט די ווערטער מיט א גליקליכען שמייכעל אויף די ליפען, רעדט ער מיט א פערמאטערטער, ווייגענדיגער שטימע)— וואס האט איהר געמאכט פון מיר, אננא ? א שמאטקע האט איהר געמאכט פון מיין נשמה — צוקנאטען זי, די נשמה מיינע, צופליקט — (ער לאזט ארויס מיט א מאל איהרע הענד, שטעהט שנעל אויף און שפרייזט איבער'ן צימער מיט ברייטע טריט).

א נ נ א. (בלייבט שטעהן ווי א צוטומעלטע, דאן זעצט זי זיך אנידער לעבען טיש, מיט'ן רוקען צום פענסטער, אן איינגעהאלטענער שמייכעל שפילט ביי איהר אויף די ליפען).

ו ו א ס י ל י. (שטעהט ביים פענסטער און קען ביי זיך ניט פועל'ן אויף איהר א קוק צו טאן. זעהט אויס פערצוויפעלט, אונטערשלאגען. די ערשטע ווערטער געהן ארויס מיט גוואלד, אבער וואס ווייטער רעדט ער שנעלער). זייט ניט אויף מיר אין כעס — מאכט ניט פון מיר א געלעכטער — (א בעוועגונג מיט דער האנד) — ניין, איהר קענט לאכען פון מיר, ווי פיעל אייער הארץ גלוסט — מיר איז שוין אלץ איינס. מעהר האב איך ניט וואס צו פערלירען — איך וויים, אז נאר אין די אלטע ראמאנען איז ליעבע דער הויפט-צוועק פון לעבען — אבער איך קען זיך קיין עצה ניט געבען — איך שפיל די ראלע פון א פערליעבטען יונגען-מאנטשיק — איך ראנגעל זיך מיט זיך אליין, אבער עס העלפט קיין זאך ניט — איך וועל ניט פאלען פאר אייך אויף די קניע — איך וועל ניט בעליידיגען אייערע אויערן מיט אן אבגעשמאקטער ליבעס-ערקלערונג, איך וועל אייך ניט זאגען, ווי שיין אייערע אויגען אדער אייערע האר זיינען — מיר זיינען ערנסטע מענשען, און ניט קיין מיטעלעלטערישע זינגער פון ליבעס-לידלעך — אבער איך מוז אייך זאגען, אז אהן אייך איז מיין לעבען קיין לעבען ניט — איך קען שוין מעהר ניט — איך בין ניט קיין קינד — ניט קיין חדר-אינגעל — איך וויים, אז איהר זייט ניט קיין אויסנאהם — פיעלייכט זיינען פאראן א סך, א סך אזעלכע ווי איהר — אבער מיין נשמה רייסט זיך צו אייך, און נאר צו אייך — איך דערקען זיך אליין ניט — איך בין ניט דער זעלביגער — ערגער בין איך—(בלייבט שטעהן, אין אנאנדער

טאָן). איהר פלעגט קומען אהין אלע טאָג — איך האָב זיך געבראַ־טען אויף א לאנגזאמען פייער — און בין געלאָפען פון אייך — געוועלט אנטלויפען — אָבער עס איז גאָר ניט ארויס דערפון. דאָס איז ניט קיין קאפריז, דאָס איז א בייןקענים, א טיעפע בייןקענים אָהן א שיעור — זי ציהט מיך, זי טרייבט מיך מיט א קראפט, וואָס איך קען ניט בייקומען — אויב דאָס — הייסט ליעבע, דאן איז ליעבע — א שרעקליך געפיהל—

א נ נ א. (וועלכע האָט איהם אויסגעהערט מיט א גליקליכען שמייכעל, ווייך און צערטליך). מיין אָרימער מארטירער — קומט צו נעהנטער —

וואסילי. (לויפט צו איהר צו).

א נ נ א. (שטרעקט אויס ביידע הענד אין דער הויך און כאַפּט ארום זיין קאָפּ. ער לאָזט זיך ארונטער אויף די קניע ווי בעוואוסט־לאָז).

א נ נ א. (קאָקעטיש, אָבער האַרצליך). וועט איהר שוין יעצט זיין גוט און פרום, האַ? וועט איהר שוין מעהר ניט קריכען אויף די וואנד? וועט איהר ווידער זיין דער שטארקער וואסילי פון א מאָל?

וואסילי. (ווי אָהן אן אייגענעם ווילען, דעם קאָפּ ביי איהר אין די הענד, קוקט אויף איהר מיט ענטציקטע בליקען).

א נ נ א. (מיט א טאָן, מיט וועלכען מען רעדט צו א פּיצעל קינד). אוי, דו נארישער אינגעלע! (בויגט זיך לאנגזאם איין צו זיין קאָפּ, וועלכען זי לאָזט ניט ארויס פון די הענד, און זייערע ליפּען גיסען זיך צונויף אין א לאנגזאמען, לײדענשאַפטליכען קוס. וואסילי שפּרייט אויס די הענד, דער קערפּער גיט זיך א הויב אין דער הויך, און די ליפּען בייסען זיך איין אלץ שטארקער אין איהרע ליפּען).

א נ נ א. (רייסט אָב זיין קאָפּ פון איהרע ליפּען און האַלט איהם צו מיט ביידע הענד נאָהענט צו איהר געזיכט. א לאנגע צייט קוקען זיי זיך ארײן טיעף אין די אויגען, צערטליך). דו נארישער יונג...

ו ו א ס י ל י. (טוליעט זיך צו צו איהר, מיט אַ בעטענדער שטימע). רעדט ניט — איך וויל בלויז פיהלען, אז איהר זייט לעבען מיר. אוי, ווי געביינקט איך האָב נאָך אייך! איידער איך האב אייך נאָך געזעהן, האב איך שוין געביינקט נאָך אייך — דאָס גאנץ לעבען — (ער הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט איהר אין געזיכט אריין).

א נ נ א. פאר וואָס האָט מיין אינגעלע געשוויגען ? פאר וואָס האט ער קיין וואָרט ניט געזאָגט און זיך געמוטשעט פער־באָרגענערהייט ?

ו ו א ס י ל י. (מיט וועהטאָג). איהר האט דען ניט געפיהלט, אז איך ליעב אייך ? האָט איהר דען געקענט שלאָפען, ווען מיין בייגקעניס האט צו אייך אויסגעשטרעקט ביי נאכט איהרע לאנגע הענד ? זי האט אייך נאָר געגלעט — אזוי ווייך — דאָס איהר האט זיך ניט אויפגעוועקט פון שלאָף —

א נ נ א. אזוי פיעל ביסטו אויסגעשטאנען, דו אָרימינקער ?

ו ו א ס י ל י. (ווי אויפגעכאַפּט זיך). דו ? אננא ? איז דאָס ניט קיין פאנטאזיע ? (נעמט זי ארום, אין דער הויך). ריקאנסקאיא אננא ? זעה איך דאָס אלץ אין חלום ? איז דאָס די ווירקליכקייט? איז דאָס מעגליך ? עס איז אניוטא — (מיט אַ וויינענדיגער שטימע). פאר וואָס האב איך געדארפט אזוי פיעל ליידען ? פאר וואָס איז דאס געקומען אזוי שפּעט ?

א נ נ א. וואיסקא ! דער גליק קומט קיין מאָל ניט צו שפּעט צו יענעם, וואס האָט איהם געפונען.

ו ו א ס י ל י. (ערנסט). א מאָל קומט ער יע צו שפּעט. (מאַכט מיט די הענד, ווי ער וואָלט וועלען פערטרייבען פון זיך אונ־אַנגענעמע געדאַנקען). אָבער איך האב איהם ענדליך געפונען, דעם גליק, און וואָס ווייטער וועט זיין — ארט מיך ניט. (אַ לאַנגער טיע־פער בליק).

א נ נ א. (שפּאַסט). ווער וואָלט דאָס גלויבען, אז וואסילי — דער אייזערנער וואסילי — וועלכער האָט זיך פון קיין זאך ניט גע־לאָזט בויגען — זאָל קענען ליגען אויף די קניע ? (זיי לאַכען).

ו ו א ס י ל י. גאַטעניו! ווי שיין דו ביסט (קוסט איהר די פינגער, איינס נאָכ'ן אַנדערן).

א נ נ א. און ווער וואלט גלויבען, אז צוויי אזעלכע ערנסטע מענשען זאָלען זיך קוסען? (זיי לאַכען) — — (פון גאַס דערהערט זיך אַ געפּילדער, ווי ווען עס געהט אַ גרויסע מאַסע מענשען).

ו ו א ס י ל י. (קוקט אַננאַ גלייך אין די אויגען; מיט שרעק). מיין גליק! מיין יונגער גליק! (מאַכט צו די אויגען און שאַרט מיט דער האַנד, ווי ער וואָלט וועלען כאַפּען די לופט. דער טומעל אין גאַס ווערט אַלץ גרעסער). ער גליטשט זיך ארוים פון מיינע הענד, ער אנטלויפט פון מיר — (שרייט). ער געהט אוועק, ער געהט אוועק— איך וויל איהם ניט פערלירען!

א נ נ א. (פערדעקט איהם דעם מויל מיט דער האנד; מיט פאָר־וואורף). וואיסקא — וואסילי — (האָרכט זיך איין). וואָס איז דאָס פאר א טומעל?

ו ו א ס י ל י. (נאַכלעסיג, שנעל). גאָר ניט. די סטרייקער זיינען זיך צונויפגעקומען אין די קלויסטערס, אויך אָט דאָ אָ, ביי דער הייליגער אננא — און געהן זיך יעצט פאנאנדער צו זיך אין די קווארטאלען —

א נ נ א. (מיט פרייד). הערסט! און איך האב פון קיין שום זאך ניט געוואוסט! קום, נאמיר צוגעהן צום פענסטער, קום־זשע — (דער טומעל ווערט אַלץ העכער).

ו ו א ס י ל י. (מיט שרעק און געבעט). געה ניט אהין — מיין יונגער גליק — נעמט איהם ניט אוועק פון מיר —

א נ נ א. וואסילי, זיי דאך ניט קיין קינד — (קוסט איהם אין שטערן און הויבט זיך אויף). קום.

ו ו א ס י ל י. (נאָך אַלץ אויף די קניע, מיט געוויין). יע, ער געהט אוועק, ער געהט אוועק —

(פון דער גאס דערהערט מען א געזאנג, אין וועלכען עס בעטייליגען זיך וואס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר מענשען; מען הערט אויך, ווי די מאַסע מאַרשירט אַוועק ווייטער).

א נ נ א. דו הערסט?

װ א ס י ל י. (שפּרינגט אויף, אין פערצװײפלונג). צו װאָס זינגען זײ! מיר װילט זיך ארונטערלױפען צו זײ און אַ געשרײ טאָן: „געהט זיך פאנאנדער — אַן אומגליק װאַרט אויף אייך!“ (שטערט מיט אַננאַ ביים לינקען פענסטער און ביידע קוקען אין גאַס).

א נ נ א. זעה נאר, װאסילי, ס׳ארא פראכט! דאס פאלק אין זיין מאיעסטעטישער רוהיגקייט — אכטונג פאר איהם! מיט װאס פאר א גלויבען אין זיך זײ מירשירען דאס, די מאסען! פון װאנען האט זיך ביי זײ גענומען אַט די רוהיגקייט? עפּיס װי דאס װאָלט גאָר ניט געװען ביים קיסר אין לאנד — עפּיס װי זײ װאלטען גאָר קיין בעגריף ניט געהאט פון קנוטען, נאהאי־קעס און קאזאקען! װאיסקא, דו ליעבער מיינער, אונזער ארבייט איז דאָך פאָרט ניט געװען ארויסגעװאָרפען! איך זעה שוין אָנ־קומען דעם העלען טאָג, װאסילי — װי גליקליך איך בין! (זי טוליעט זיך צו איהם).

װ א ס י ל י (אין טויט־שרעקעניס). אניוטא! דו הערסט — זײ רייטען — זײ רייטען!

א נ נ א. װאָס דוכט זיך דיר אָב! פינסטערע שאָטענס שטעהן ביי דיר פאר די אויגען — װי דו ציטערסט, װי אונרוהיג דו ביסט —

װ א ס י ל י. אַן אונבעשרייבליכער שרעק האָט ארומגע־כאפּט מיין נשמה — (אין פערצװײפלונג) — אניוטא, איך װיל דיך ניט פערלירען — (דריקט איהר האַנד צו זיין הארצען).

א נ נ א. (גלעט איהם דאָס געזיכט). װאיסקא, איך בעט דיך, בערוהיג זיך — קוק אָט אויף די ארבייטער — אויף זייערע פּנים׳ער, װאָס די יאָגענים נאָכ׳ן שטיקעל ברויט האָט פערעל־טערט פאר דער צייט, דורכגעשניטען מיט טיעפע קארבען, אויס־געמאטערט און אויסגעמאָגערט — זעה נאָר, ס׳ארא שטארקער גלויבען שטראהלט ארויס פון זייערע פּנים׳ער, דאס דער מארגענ־דיגער טאָג געהערט צו זײ. (פּויזע. זײ קוקען אין פענסטער).

א נ נ א. (װערט מיט אַ מאָל פערציטערט). מיר דאכט זיך, אַז

יעצט הער איך יע עפּיס — מען רייט אויף פערד — זעהסט — פון דער לינקער זייט פּלאַץ —

וואסילי. (ווארפט דורכ'ן פענסטער אַ בליק אויפ'ן פּלאַץ, דאַן שפּרינגט ער אָב פון פענסטער, בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב, שפּאַרט זיך אָן אָן אַ שטוהל און קוקט אונבעוועגליך אין דער הויך, ווי ער וואלט זיך צו עפּיס צוגעהערט אדער זיך געריכט אויף אַ שרעקליכען אומגליק).

אננא. (קוקט נאך אלץ דורכ'ן פענסטער אויפ'ן פּלאַץ — שטרעקט אויס הינטערווייליעכטס די האַנד צו וואסילי — מיט ציטער־נים). זיי רייטען גלייך אויף זיי — (אין אַ מינוט ארום) — אבער די מאַסען געהן ווייטער — פּארווערטס — גיב אַ קוק, וואסילי — זיי זינגען ווייטער — זיי ווייכען ניט פון זיי — זיי אנטלויפען ניט — (מיט פרייד שפּרינגט זי צו איהם צו) — וואַיסקאַ, דו הערסט — זיי האבען נאָך ניט אויפגעהערט צו זינגען — זיי שרעקען זיך ניט אָב פאר די געוועהר — זיי געהן ווייטער — (מען הערט, ווי די מאַסע געהט אַוועק אלץ ווייטער פון פּלאַץ — אָבער דער געזאַנג לאָזט זיך נאָך הערען גאַנץ דייטליך).

וואסילי. (ווי ער וואָלט זיך גופא וועלען בערוהיגען). זיי וועלען זיך צונויפקומען מיט די גרופּען פון אנדערע קלויסטערס—

אננא. (שטראַהלט פון פרייד). וואסילי — הערסט — מען זינגט נאָך אלץ —

וואסילי. עס וועט מיט זיי גאָר ניט פּאַסירען — ניט אמת, אניוטאַ? זיי וועלען זיך רוהיגערהייט פאנאנדערגעהן — פון קיינעם ניט געטריבען —

אננא. (מיט בעגייסטערונג). וואַיסקאַ — זיי זינגען נאָך אלץ —

אָרינא. (קומט שטיל אריין און רוקט זיך צו צום לינקען פענסטער מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנד. שטאַרק געריהרט). איהר הערט — אָט דאָס זעלביגע פלעגט אימער־צו זינגען מיין אנטאָשקאַ —(זי עפענט דאָס פענסטער, און דער געזאַנג רייסט זיך אריין שטאַר־קער אין שטוב, אָבער וואָס ווייטער הערט ער זיך אלץ שוואַכער). ס'איז

א שיין ליעד — ניט אמת ? און ווי שיין ער האָט דאס געזונגען ! אָבער אין דער שטיל האט ער דאס זינגען געמוזט, ווייל דער טאטע האט ניט געטארט הערען —

א נ נ א. (מיט נצחון). און היינט זינגט מען שוין דאס אָפען, אין גאס —

ו ו א ס י ל י. (איראָניש). יע, מען זינגט, מען זינגט בלויז—

א ר י נ א. (אין טאַקט מיט די טענער, וועלכע רייסען זיך אריין אין צימער ; איהר בעגייסטערונג ווערט אַלץ גרעסער ; די ווערטער וויל זי זינגען, אבער קען ניט) —

„אונזערע פאָהנען
„פלאַטערן איבער טראָנען,
„זיי זיינען רויט ווי שארלאך,
„אָה, איהר זאָלט זיך היטען !
„געפארבט האָט איהר זיי
„מיט אייערע קאנאָנען
„אין אונזער אונשולדיג
„פערגאָסענעם בלוט.

א נ נ א. (קוקט אויף איהר פערוואונדערט און שעפּצעט די זעל-בע ווערטער).

ו ו א ס י ל י. (ווי בעוואוסטלאָז) —

„און אלץ מעהר און מעהר
„וואקסט אונזער צאָרן,
„און אלץ מעהר און מעהר
„וואקסט אונזער מוט,
„און אלץ מעהר און מעהר —

(עס דערהערט זיך פון דער ווייטענס אַ שאָס פון ביקסען).

ו ו א ס י ל י. (לאָזט ארויס אַ פערצווייפעלטען געשריי).

א נ נ א. (כאַפּט זיך מיטביידע הענד פאר'ן קאָפּ און בלייבט אזוי שטעהן).

א ר י נ א. (לאָזט אראָב דעם קאָפּ, ווישט זיך די טרערען און געהט ארויס שטילערהייט פון צימער).

א נ נ א און וואסילי. (שטעהן ווי בענומענע. דער געזאַנג הינטער'ן פענסטער האַקט זיך אָב. מען הערט פון דער ווייטענס אַ גרויסען טומעל — א ניט־געלונגענעם פּערזוך צו זינגען ווייטער — אָבגעריסענע טענער — אַ צוויימער שאָס).

וואסילי. (מיט געבעט). אנ־יור־טא !

(אין שטוב ווערט אַלץ טונקעלער).

וואסילי. (אין אַ ווײילע ארום, דערשראָקען). דער טויט איז יעצט דורכגעפלויגען איבער'ן שטוב — דו האסט ניט געפּיהלט?

(אַ דריטער שאָס).

וואסילי. (זיין שטימע ציטערט). אנ־יור־טא !

אננא. (פערביסען). תליונים ! — אונזער געדולד ענדיגט זיך באלד — מיט פערדאָפּעלטע כחות מוזען מיר זיך יעצט נעמען צו דער ארבייט —

וואסילי. אנ־יור־טא, רעד ניט, מוטשע מיך ניט —

אננא. (געהט צו איהם לאַנגזאַם צו, מיט שרעק). דיין שטערן איז בעגאָסען מיט שווייס — וואסילי —וואַסקא —

וואסילי. (הייזעריג). עס ווארפט מיך — פון קעלט— געה צו נעהנטער — נעהנטער — געה צו —

אננא. (געהט צו איהם צו גאַר נאָהענט).

וואסילי. (נעמט זי לאַנגזאַם ארום). איך וויל דיך אַט אזוי האַלטען — שטייף, שטייף — א בייזע מעכטיגע קראַפט רייסט דיך אוועק פון מיר — איך וויל דיך ניט פערלירען — נעמט זי ניט אוועק פון מיר — נעמט ניט אוועק — (ווערט אַנטשוויגען, דערנאָך לאַנגזאַם, ווי צו זיך אליין) — דאס איז געווען א גליקליכער חלום, און ער איז שוין פערשוואונדען, פערשוואונדען —

אננא. וואסילי, דו ביסט געווען אין פאריז, ניט אמת? געדענקסטו דאס לידעל, וואס מען פלעגט זינגען אין דעם סטודענטען־קווארטאַל? (לאַנגזאַם, האַלב געזונגען) —

„לעבען — א חלום :
„צרות און נויט,
„גליק אויף א רגע,
„דאן קומט דער טויט . . .

וואסילי. (ווי אויפגעוועקט פון שלאף) — דאן קומט דער טויט . . .

(פּאוזע. עס איז געוואָרען גאָר פינסטער).

וואסילי. אניוטא —

אננא. וואָס ווילסטו, וואסילי ?

וואסילי. פערבלייב ביי מיר, געה ניט אוועק, לאָז מיך ניט איינעם אליין, זיי מיט מיר נאָך איין רגע —

ארינא. (רייסט זיך אריין אן אויפגערעגטע אין צימער, מיט אַ געוויין). גאָט דערבארעמדיגער, ווי שרעקליך — ווי שרעקליך ! צו דער שכנה האט מען געבראכט צוטראגען איהר סאשא׳ן — דורכגעשטאָכען — דורך און דורך —

וואסילי. סאשא — סאשא — (לויפט אן אויפגערעגטער הין און צוריק).

ארינא. אוי, וועה איז מיר, ווינד איז מיר ! די גזלנים! גאָר קיין הארץ האבען זיי ניט. איך וועל אריינגעהן צו איהר — (שנעל אָב).

אננא. אזוי פיעל יסורים און צרות ארום אונז.

וואסילי. (לויפט נאָך אַלץ איבער׳ן שטוב). אניוטא — קום נאָמיר אנטלויפען פון דאנען — נאָמיר אוועק — אניוטא — שנעל ! (רייסט איבער די ווערטער ; צו זיך אליין, מיט אַ טאָן פון געבעט). לאזט — מיר — נאָך — לעבען — א קאפּ! (בלייבט שטעהן) — נאָך ניט —

(מען קלינגט דריי מאָל).

וואסילי. (וויינט). נאָך ניט — נאָך ניט —

אננא. אימיצער קלינגט, דאס איז צו דיר

וואסילי. נאָך ניט — נאָך ניט —

א נ נ א. זי איז אוועק צו דער שכנה, אימיצער קלינגט —

וואסילי. (אַ צובראָכענער, קאָם וואס ער ריהרט זיך, אָב).

א נ נ א. (געהט צו צום אָפענעם פענסטער לינקס און קוקט ארויס. גריגאָרי, וועלכער געהט אריין מיט וואסילי, בעמערקט זי ניט).

ג ר י ג אָ ר י און ו ו א ס י ל י. (בלייבען שטעהן אין טיהר און רעדען זעהר היציג, מיט פערשטיקטע שטימען).

ג ר י ג אָ ר י. (רייסט זיך יעדען אויגענבליק אַוועקצוגעהן). קיין צייט ניטאָ, קיין צייט ניטאָ — איך מוז די מינוט אוועקפאָהרען. אלץ וועט זיין פארטיג צו דער צייט. איך וועל אויך ברענגען צופיהרען פראָקלאמאציעס. מיר מוזען —

ו ו א ס י ל י. (חזר'ט איבער ווי אַ ווידער - קלאַנג). מיר מוזען —

ג ר י ג אָ ר י. דו האסט וואָס געפרעגט ? — דאָרטען בויט מען שוין באריקאדען. בלוט גיסט זיך טייכענווייס. מען ווייס נאָך ניט די צאהל פון די געפאלענע. אלזאָ, איבערמאָרגען —

ו ו א ס י ל י. איבערמאָרגען — ש ו י ן איבערמאָרגען...

ג ר י ג אָ ר י. (פערוואונדערט און שטרייננג). דו קווייגקעלסט?

ו ו א ס י ל י. (אין אַ ווײַלע ארום, מיט צוגעמאַכטע אויגען, מיט אַ פערשטיקטען וועהטאָג, ענטשלאָסען). ניין . .

ג ר י ג אָ ר י. וואסילי, וואס־זשע דען — וואס איז מיט דיר געשעהן ?

ו ו א ס י ל י. גאָר ניט. איבערמאָרגען מוז דאס פאסירען — און וועט פאסירען —

ג ר י ג אָ ר י. אזוי ווי מען האט אָפּגעמאַכט : אין גארטען־גאס און שלאָס־גאס.

ו ו א ס י ל י. (שנעל). איך נעם די גארטען־גאס.

ג ר י ג א ר י. גוט — ווי דו ווילסט. אלץ וועט שוין זיין פארטיג צו דער מינוט. דו זאלסט נאר ניט ארויס פון שטוב, און זעה האלט אָן דעם מוט —(דריקט איהם די האַנד, שנעל אָב).

ו ו א ס י ל י. (שטעהט ביי דער טיהר, ווי אַ צוגעשמידטער, און קוקט אין דער זייט, וואו גריגאָרי איז אַוועק).

א נ נ א. (גנב'עט זיך צו צו איהם). וואס איז דאס דא געווען?

וו א ס י ל י. (מעכאניש). גאָר ניט — גאר ניט — נאריש־קייטען — א קליייניגקייט —

(זיי זעצען זיך אויף דער סאָפאַ).

א נ נ א. עס ווארפט דיך ווי אין קדחות. (נעמט איהם פאר'ן קאָפּ).

וו א ס י ל י. (בויגט זיך איין צו איהר, טוליעט זיך צו). לאז דעם אָרימען קאָפּ מיינעם — זיך אויסרוהען — ביי דיר אויפ'ן שוים —

א נ נ א. בערוהיג זיך, וואַסקא —

וו א ס י ל י. (מיט מידקייט). בעדעק איהם מיט דיינע האָר.

א נ נ א. (לאָזט פאנאנדער די האָר און בעדעקט מיט זיי זיין קאָפּ). שלאָף, שלאָף, וואסילי . . .

וו א ס י ל י. נאר איין ווייל'ע —

א נ נ א. שלאָף, מיין אינגעלע, — שלאָף, דו מארטירער מיינער —

וו א ס י ל י. נאך איין וויילינקע — נאָך איין וויילינקע—

א נ נ א. לולו — לולו — לולו — לו —

לולו — לולו — לולו — לו —

(דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם).

דריטער אקט.

אן איינפאך מעבלירטער זאל. פון פארענט, לינקס, א טיש מיט שטיהל און א קליינע סאפא, דערביי א טישעל, וואו עס שטעהט א סאמאוואר און טהע־קוביקעס. ביי דער רעכטער וואנד א קאמאד, אויף איהם צוויי לייכטער. רעכטס א טיהר, לינקס א צווייטע. פון הינטען א באלקאן מיט דריי פענסטער.

עס איז אווענד. ארום טיש, וועלכער איז אנגעשטעלט מיט פלעשער, גלעזלער, געבעק און נאך אזעלכע זאכען, זיצען ווארוואַרא, מאריא, ניא און אננא און טרינקען טהע.

מ א ר י א. (פון א יאהר 32, עלעגאנט אנגעטאן, אין הוט). איהר זייט שוין דא א צייט, אננא אנדרעיעווגא?

ו ו א ר ו ו א ר א. (אן ערך 45 יאהר אלט). עס וועט שוין זיין צוויי וואכען. ניט אמת, אניוטא?

א נ נ א. יע, שוין כמעט צוויי וואכען. די צייט לויפט, טאנטע.

מ א ר י א. נו, ווי געפעלט אייך ביי אונז אין שטעדטעל?

ו ו א ר ו ו א ר א. פרעגט, ווען געהט זי ארוים פון שטוב. גאנצענע טעג אין דער היים.

א נ נ א. איך בין געקומען נאר צו זעהן די טאנטע, און דא איז גוט.

ט א נ י א. (א 20־יעהריגע מיידעל, אויך עלעגאנט אנגעטאן און אין הוט). איהר זייט גאנץ גערעכט. ארויסצוגעהן הײנט אין

נאס איז גאר קיין שום פערגניגען ניט. איבעראל, וואו מען טוט זיך ניט א קער, זעהט מען נאר טונקעלע פארשוינען און סאלדאטען. (זי רעדט אין דער שטיל מיט אננא, ארומשפאצירענדיג צוזאמען איבער׳ן צימער).

וואררווארא. (צו מאריא, מיט וועלכער זי זיצט אויף דער סאפא). זי וויל ניט ארוים פסח ביתה. נאר די לעצטע טעג איז זי געגאנגען זיך זעהן מיט א חבר׳טע, מיט וועמען זי איז געקומען צוזאמען פון פעטערבורג. יענע איז נעביך קראנק געווארען, און אייערנעכטען האט זי געמוזט ביי איהר פערבלייבען ביז שפעט אין דער נאכט. און איך האב ניט געוואוסט וואס איבער צו טראכטען. דאס איז געווען גראד אין דעם טאג, ווען עס האבען פאסירט די בלוטיגע אונרוהען אין די גאסען. אוי, איז דאס געווען א טאג!

מאריא. און יעצט איז א פנים בעסער?

וואררווארא. (צומישט). וואס איז? וואס איז?

מאריא. נאר מען טוט און מען זוכט. אין יעדען הויז און אביסק. זיי רייסען זיך אריין, וואו עס פאלט זיי אריין אין מח.

וואררווארא. (איהר שרעק וואקסט). הויז - זוכונגען! (כאפט זיך פאר׳ן קאפ).

מאריא. מיין שכנה פאהרט אוועק מארגען מיט די קינדער קיין אויסלאנד.

וואררווארא. וואס איז דער מעהר?

מאריא. — און זאגט, אז זי וועט קומען צוריק קיין רוסלאנד ניט פריער, ווען מען וועט שוין אריינלאזען אהן א פאס.

וואררווארא. שוים־זשע, איז אזוי שלעכט?

מאריא. איהר מאן איז אן אדוואקאט. ער זאגט, אז עס וועט זיין נאך ערגער.

וואררווארא. פון נעכטען אן איז דאך געווארען רוהיגער, הא?

מאריא. גאט איז מיט אייך, וואררווארא סערגעיעווגא, וואס רעדט איהר? איך האב געהערט, אז די סאלדאטען האבען זיך אזוי צווישעט אין פארשטאדט, דאס בלוט האט זיך געגאסען אין

די גאסען ווי וואסער. אפילו דא, אין מיטען שטאדט, קען מען אויך, צוליעב זיי, קיין גאס ניט דורכגעהן. (זיי רעדען ווייטער).

א נ נ א. (צו טאניא, מיט ווען זי שטעהט ביים באלקאן). ווען איך בין נאך געגאנגען אין גימנאזיע, פלעג איך זיך ארונטער־כאפען צייטענווייס אהער, צו דער טאנטע.

ט א נ י א. און יעצט שטודירט איהר אין פעטערבורג?

א נ נ א. (אין פערלעגענהייט). יע.

ט א נ י א. און מיר דוכט זיך, אז איך האב אייך ערגיץ גע־זעהן דא —

א נ נ א. אייך דוכט זיך נאר, ניט אמת?

ט א נ י א. אוי, ווי אנגענעם עס מוז דאס זיין, דאס לעבען פון די סטודענטקעס — אלע טאג לעקציעס — אימער־צו אזוי פיעל מענשען ארום זיך — איך האב זיך פון אייביג אן געריסען צו אזא לעבען.

א נ נ א. וואס־זשע האט אייך אבגעהאלטען?

ט א נ י א. (מיט א פערשטיקטער שטימע). ביי אונז אין דער פאמיליע איז געווען א שרעקליכער אומגליק.

א נ נ א. וואס פאר אן אומגליק?

ט א נ י א. מיינער א ברודער איז געווען א סטודענט און האט זיך בעטייליגט אין די אונרוהען. מען האט איהם פערשיקט קיין סיביר. דאס איז שוין א געשיכטע פון דריי יאהר. און פון יע־נער צייט אן טאר מען פאר'ן פאטער ניט דערמאנען אפילו דעם נאמען אוניווערסיטעט. (קוקט אין פענסטער, שנעל בייט דעם טאן). א שיין בילד האט איהר אט פון דעם פענסטער.

א נ נ א. יע — דער פארק — (קוקט אין דאס מיטעלע פענס־טער). און דא איז די אפערא.

ט א נ י א. (קוקט אין דאס לינקע פענסטער). און פון דאנען זעהט זיך די גאנצע גארטען־גאס. ווי ווייט עס ציהט זיך דאס אוועק אט די רייהע פון לאמטערנעס. און אויף דער אנדער זייט גאס, ביים פאבריק, — א פינסטערניס. איינע אליין וואלט איך דארטען מורא געהאט צוגעהן. (זיי קוקען ווידער אין פענסטער).

מ א ר י א. (בעת זי רעדט מיט ווארוואַרא, נעמט זי פאַרזיכטיג ארויס פון דער קעשענע א צוזאמענגעלעגט געדרוקט בלעטעל).

וו א ר וו א ר א. (נייגעריג). וואָס איז דאס ?

מ א ר י א. דאס איז געלעגען לעבען די טרעפּ. איך האב דאס שוין בעמערקט אין א פאָר הייזער. ווען איך בין צוגעגאנגען היינט צו אייער הויז, דערזעה איך דאס ווידער. איך האב מעהר ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון — און אויפגעהויבען. אבער איך זאָג אייך, עס ברענט מיר די קעשענע. אהיים ברייגגען טאָר איך דאס ניט. גאָט בעהיט, ווען מיין מאַן זאָל דערזעהן. מעהר פעהלט מיר ניט. איך וואָלט דאס וועלען אין דער גיך איבערלייענען און ווי־דער אוועקלעגען, וואו עס איז געלעגען.

וו א ר וו א ר א. בעווייזט דאס מיר, מיין טייערע, מיר ווילט זיך אויך וויסען דעם אינהאלט. דאס איז וואהרשיינליך א פּראָ־קלאמאציע פון די רעוואָלוציאָנערען ! (ביידע בויגען זיך איין אי־בער׳ן בלעטעל און פאנגען דאס אָן צו לייענען. מיט אַ מאָל דערהערט זיך אין פאָרהויז נאַטאַליאַ׳ס קול).

מ א ר י א. (בעהאַלט דאָס בלעטעל אין קעשענע, בעת איהרע הענד ציטערן פון שרעק).

נ א ט א ל י א. (קומט אריין דורך די טיהר רעכטס. זי איז אַלט אונגעפעהר 45 יאָהר, אָנגעטאָן ניט נאָך דער מאָדע, אָבער סטאַרעט זיך אויסצוזעהן אינגער. ענערגישע מאָנסבילשע בעוועגונגען. רעדט שנעל. ביים רעדען טרינקט זי טהע און עסט קוכעלער איינס נאָכ׳ן אַנדערן). גוט נ׳אווענד, מיינע דאמען, גוט נ׳אווענד — (בעגריסט מאריא און ווארוואַרא).

וו א ר וו א ר א. (שטעלט פאָר). מיין פּלימעניצע פון פּע־טערבורג — אננא ריקאנסקאיא.

נ א ט א ל י א. (דריקט אַננאַ און טאַניאַ די האַנד און זעצט זיך צום טיש. ווארוואַרא גיט איהר אַ קוביק טהע). איהר האט קיין בעגריף ניט, מיינע דאמען, וואס פאר א הארץ־קלעמענים איך האב נאר וואס געהאט. מיך, די פרוי פון א זשאנדארמען־פאלקאווניק, שטעלט אָב אין גאס א פּאטרול פון סאָלדאטען ! וואס איז, איך זעה עפּיס

אוים ווי א געפעהרליכע פּערזאָן ? זאָגט איהר אליין ! אָדער זעה איך אוים ווי א סאָציאליסטקע ? די סאָציאליסטען מעגען זיי כאפּען ווי פיעל זיי ווילען, אָבער ניט קיין אָרענטליכע מענשען. די וועלט איז שוין הפקר, וואָס ? הערט נאר א טשיקאוועס : די באנ־דע בעט, איך זאל זיי ווייזען א פּאַס, פּאָרדערט ביי מיר געלד. נו, פערשטעהט זיך, האב איך זיי בעצאָהלט א גאָב, אז זיי איז געוואָרען ביטער און פינסטער אין די אויגען. און אז זיי האבען דערהערט, ווער איך בין, איז באלד צו מיר צוגעגאנגען א יונגער אָפיציר, האט מיך העפליך בעגריסט, געבעטען — איך זאל זיי מוחל זיין ,און דער פּאטרול האט זיך די מינוט אבגעטראָגען. א שיינער יונג — אָט דער אָפּיציר ! איך בין געווען אזוי צוקאכט און איבערגע־שראָקען. (טרינקט איהר טהע). אָבער ס'ארא שיינער יונג דאָס איז! — (בייט פּלוצלונג דעם טאָן). וואס זעהט מען אייך גאר ניט, ווארוואַרא סערגעיעוונא ? איך בין אין כעס אויף אייך, כ'לעבען. אריין צו אייך בין איך נאר אויף איין מינוטעלע. איך געה צו דער אָפּערא, און עס איז נאך צו פריה.

ו ו א ר ו ו א ר א. מיין מאַן געהט אויך.

נ א ט א ל י א. און איהר, ווארווארא סערגעיעוונא ?

ו ו א ר ו ו א ר א. איך בין ניט אין גאנצען. א קאָפּ־וועהטאג. אגב האב איך געהערט, אז מען קען שוין מעהר קיין בילעטען ניט קריגען : מיין מאַן געהט מיט די בעאמטע פון פּראוולעניע.

נ א ט א ל י א. עס וועט זיין, זאָג איך אייך, גרויסארטיג ! איך האב געהערט, אז דער גענעראל־גובערנאטער וועט אויך זיין דארטען. (פון לינקס קומט—).

א י ו ו א ן פּ א ו ו ל א ו ו י ט ש. (אַ מאַן אין די פופציגער, אין א מונדיר מיט בלאנקענדיגע קנעפּ. זעהט אוים ווי א פראנט. די שטאַרק בעזילבערטע האָר פערקעמט אין א שייטעל, די באָרד ראַזירט, גרויסע וואָנסעס, האַלט זיך גלייך, די נאָז רויטלעך. ער איז אין אַ יום־טוב'דיגער שטימונג. אלע ווײלע נעמט ער פון טיש א גרויסע פלאש מיט שנאַפּס, גיסט זיך אן אַ גלעזעל און טרינקט). כ'האב די עהרע, מיינע דאמען — (בעגריסט די געסט).

נ א ט א ל י א. איוואן פאוולאָוויטש, איך האב געהערט, אז איהר געהט אויך היינט צו דער אָפּערא ?

א י װ ו א ן. ווי־זשע ? מען מוז דאָך אָבגעבען כבוד ווי געהעריג איז דער בעליעבטער פלאָרא. מיר, ס'הייסט אלע בעאמטע פון פּראוולעניע, האבען היינט גענומען דריי לאָזשען. זיין עקסעלענץ, דער גענעראל־גובערנאטאָר, וועט זיכער צופרידען זיין.

נ א ט א ל י א. מען וועט טאקי מאכען פאר איהר א גרויסען פּאראד ?

א י װ ו א ן. אלץ הייסט א פאראד ? מיר וועלען אויסשפּאנען די פערד פון איהר קארעטע —

נ א ט א ל י א. געהט, געהט! דאס פּאסט דאָך פאר דעם יונגוואָרג —

א י װ ו א ן. יונגוואָרג, זאגט איהר? דאס היינטיגע יונגוואָרג טויג אויף צעהן טישטשע כפרות — יע, אויב איהר ווילט וויסען פון מיר. פער'סם'ט מיט נייע, משוגע'נע, אייראָפּעאישע אידעען, עס איז א מורא צו קוקען אויף זיי. (שטאָלץ). מיר וועלען זיך אליין איינשפּאנען !

א נ נ א. אזא גרויסע עהרע ! מיט וואס האט זי דאס פערדינט ביי אייך ?

א י װ ו א ן. (קוקט אויף אָננאָ, בעליידיגט). זיין עקסעלענץ, דער גענעראל־גובערנאטאָר, וועט שוין זיין צופרידען, וואס ארט אייך. און אויב איהר ווילט שוין יע וויסען, האט פלאָרא פערדינט א טיעפע דאנקבארקייט פון אונזער פאטערלאנד. (טרינקט). שטעלט זיך פאר, מיינע דאמען, — ער פלעגט אונז תמיד אויפנעמען אין שלאָפראָק, אפילו די העכסטע בעאמטע אויך — אָבער פון דער צייט אָן, וואס זי איז דא און ער בעזוכט זי אלע טאג, נעמט ער אונז אויף אין מונדיר, ווייל ער וויל זיך מעהר ניט געבען די מיה איהם אויסצוטאָן. און אָט אויף אזא'ן אופן, דורך איהר איינפלוס, טראָגט ער שטענדיג אין זיין אמט דעם מונדיר. אבער ניט נאר דאס אליין. (טרינקט). שטעלט זיך פאר — זי מאכט אנגענעמער דאס לעבען פון אזא מענשען ! ער איז דאך אזא שטיצע פאר אונזער מוטער—

רוסלאנד ! וואס וואלטען מיר געטאן אָהן איהם ? די דאָזיגע סאָ־ציאַליסטען, אָדער ניהיליסטען, אדער ווי זיי הייסען דאָרטען, וואָל־טען אונז שוין לאנג אין דר׳ערד אריינגעלעגט. און ער ווייס שוין, ווי זיך אָבצורעכענען מיט זיי. (גיסט אָן אַ גלעזעל).

וואַרוואַרא. אפשר ווילסטו טהע ?

איוואַן. (קורץ). ניין, ניין. — (טרינקט). ער וועט זיי שיסען, הייגגען, און דעם אש אוועקלאָזען מיט׳ן ווינד אויף אלע פיער עקען פון דער וועלט. און די לופט וועט ווידער זיין ריין. בלויז ארויסגעטריבענע סטודענטען און זשידעס —

אננא. (וועלכע זיצט יעצט מיט טאַניאַ ביי אַ קליינעם טישעל אין ווינקעל רעכטס). איוואַן פּאוולאָוויטש, דאס זיינען דאך די אומ־גליקליכסטע עלעמענטען פון אונזער יונגוואַרג.

איוואַן. (קערט אום צו איהר זיין געזיכט, פערוואונדערט). רעכט אויף זיי. זיי זיינען ניט ווערט, דו זאָלסט אויף זיי רחמנות האָבען. ווייסט, ס׳איך וועל דיר זאגען? ווען דו וואָלסט ניט געווען מיין ווייב׳ס פלימעניצע, וואָלט איך דיך אויך חושד געווען.

אננא. (טוט אַ מאך מיט דער האַנד, וואס דריקט אוים גלייכ־גילטיגקייט צו זיינע ווערטער, און נעמט בלעטערן מיט טאַניאַ אָן אַל־בום, זיך ניט צוהערענדיג צום ווייטערען געשפּרעך).

איוואַן. (צו די, וואס זיצען ארום טיש, מיט אַ נידריגער שטימע, כדי אַננאַ זאָל ניט הערען). איהר ווייסט, מיינע דאמען, דאס איז ווי אַ קליפּה רחמנא לצלן. די אָרענטליכסטע מענשען הויבען אָן צו פערלירען די קעפּ און שטעהן צו צו די שקצים — און עסען אָב דעם קיסר דאס הארץ מיט פערשיעדענע אדרעסען און נאָך אזעלכע נארישע זאכען. (פילט ווידער אָן זיין גלעזעל).

וואַרוואַרא. (בעט זיך). פיעלייכט וואָלסטו בעסער גע־טרונקען טהע, הא ?

איוואַן. (שטאַרק אין כעס). ניין, ניין, דאס איז פאַר מיר געזינטער. (טרינקט). מיר דאַרפען האבען אַט אזוינע מענשען ווי זיין עקסעלענץ, דער געגעראַל־גובערנאטאָר. ער וועט שוין איינ־שטעלען אָרדנונג — אזוי ווי אייזערנעכטען.

מ א ר י א. (מיט ענטריסטונג). א פיינע אָרדנונג ! אז בלוט גיסט זיך נאָך ביז היינט אויך.

א י ו ו א ן. בלוט ! וואס איז דאס פאר בלוט, פרעג איך ביי אייך ? דאס איז ביי מיר קיין בלוט ניט. אויך מיר מענשען ! לומפען, ארבייטער, בייטעל־שניידער —

מ א ר י א. איהר האָט א פּנים ניט געהערט, אז נעכטען האָבען זיך אנגעשלאסען אן די סטרייקער אויך די בעאמטע פון דער באהן און די באנק־געשעפטען?

א י ו ו א ן. ענטשולדיגט מיר, מאריא ניקאָלאיעוונא, איהר קענט ניט די באנדע — זיי ווילען ניט ארבייטען, מאכען זיי א סטרייק, ס'הייסט בלאָנקען זיך ארום איבער די גאסען און זינגען מיאוס'ע לידלעך. הערט נאר. איך לעג זיך היינט צו א ביסעל אב־רוהען — דער קאָפּ האָט מיר וועה געטאן — איך בין געווען ביי איינעם א מיטבעאמטען אויף א שמחה — זיין ווייב האָט געהאט א צווילינג — פערשטעהט זיך, האָט מען געמאכט צוליעב דעם צווי־לינג א פאר איבעריגע לחיים'ס — בקיצור, דער קאָפּ האָט מיר גע־בראכען און איך האָב געוועלט שלאפען — מיט א מאָל הער איך, די באנדע צולאזט זיך אויף די הויכע טענער: מען זינגט! (גיסט אן א גלעזעל).

וו א ר וו א ר א. (בעט זיך). טרינקט בעסער טהע.

א י וו א ן. (אין כעס). וואס מוטשעסטו מיך מיט דיין טהע? כ'וויל ניט...

ו ז א ר ו ו א ר א. ווי־זשע וועסטו קענען געהן אין טעאטער, אז דו טרינקסט אזוי פיעל?

א י ו ו א ן. דו ווייסט דאך, אז ביי מיר דערקענט מען ניט, ווי פיעל איך זאל ניט טרינקען. אלע וועלען דארטען זיין אין א גוטער שטימונג, און איך זאל זיין אנגעדרודעלט, אט דאס ווילט זיך דיר אפשר? (שנעל). וואס האָב איך געוואלט זאגען? יע, וועגען די סאציאליסטען. עס ווילט זיך זיי, פערשטעהט איהר מיך, איינ־פיהרען אזא מדינה, וואו אלע זאלען זיין גלייך. פון די מאגאזינען, פערשטעהט איהר מיך, וועט זיך יעדערער נעמען פון כל טוב. און

אין איטליכען מאגאזין וועט שטעהן א פעסעל בראנפען, און מיט גלעזלעך ארום, און חברה טרינקט, ווי פיעל דאס הארץ געלוסט. פערשטעהסט איהר מיך, אהן א גראשען געלד. און אין דער מדינה ביי זיי, ווילען זיי, זאלען ניט זיין קיין בעאמטע! שטעלט זיך נאר פאר. שיין וועלען זיי אויסזעהען אהן אונז! כ'לעבען, וואס וואלט רוס־לאנד געווען אהן אונז ביי היינטיגען טאג? גאר ניט מיט גאר ניט. (טרינקט און פילט אן די מינוט זיין גלעזעל). איך קען רוהיג ניט רע־דען פון זיי: איך ווער אויפגעקאכט. (לעדיגט אויס דאס צווייטע גלע־זעל).

נ א ט א ל י א. מען האט מיר דערציילט, אז זיי פערזאמלען זיך לעבען די מאהילניקעס, אונטער דער ערד?

א י ו ו א ן. אויף זיי איז אלץ צו גלויבען!

נ א ט א ל י א. ווער עס טרעט אריין אין זייער קאמפאניע, מוז זיך לאזען אבצאפען א קווארטירעל בלוט. דאס דארפען זיי פאר זייערע בריעף צו שרייבען.

א י ו ו א ן. יע, יע, אנשטאט טינט.

נ א ט א ל י א. אט מיט די טינט שרייבען זיי צום קיסר אויך.

א י ו ו א ן. מען האט פאר קיין זאך קיין מורא ניט. פאר קיין זאך קיין אבשיי ניט. ניט פאר גאט, ניט פאר'ן קיסר. נאר — (בלייבט שטעהן).

נ א ט א ל י א. (זעהר נייגעריג). נאר וואס?

א י ו ו א ן. איהר ווייסט ניט, מיינע דאמען? (פערשעמט). אויב אזוי, זאג איך ניט אויס!

נ א ט א ל י א. (שטעהט צו). זאגט, וואס, איוואן פאוולא־וויטש.

א י ו ו א ן. (צו ווארווארא). זאל איך זאגען, ווארויא?

ו ו א ר ו ו א ר א. (געצוואונגענערהייט). ווי ווייט איך ווייס, פערגעטערן זיי ניט גאט און ניט דעם קיסר, זיי גלויבען איבער־הויפט ניט אין וואס אלע גלויבען.

א י ו ו א ן. (מאכט מיט די הענד). אין איין זאך גלויבען זיי

יע. (שעפּצעט). זיי פערגעטערן — (קוקט זיך אום, אז אננא און טאניא זאלען ניט הערען) — נאקעטע פרויען.

נ א ט א ל י א. פע!

א י ו ו א ן. אויף מיין עהרענוואָרט.

נ א ט א ל י א. וואהרשיינליך יונגע.

א י ו ו א ן. פיעלייכט אלטע אויך. ביי אזעלכע אידיאטען איז דאך אלץ מעגליך.

נ א ט א ל י א. יעדע פרוי האָט איהר רייץ.

א י ו ו א ן. פאר מיר האָט אן אלטע — ענטשולדיגט מיך — א נאקעטע פרוי קיין שום רייץ ניט. (אין א וויילע ארום). אגב, איז דאך אלץ איינס, וואס אן אלטע, וואס א יונגע, אלע זיינען ביי מיר גלייך.

נ א ט א ל י א. (א ביסעל בעליידיגט). א גרויסען דאנק אייך פאר אייער גוטסקייט.

א י ו ו א ן. נעמט ניט פאר אומגוט, נאטאליא דמיטריעוונא, נו, געגוג שוין צו רעדען פון די סאציאליסטען, צו אלל'די שווארץ יאהר זאלען זיי געהן. (שנעל). וואס מאכט אייער מאן, דער הערר פאלקאוניק? וואס געהט ער ניט היינט מיט אייך אין דער אפּערא?

נ א ט א ל י א. ער איז שרעקליך פערנומען. שוין די פינפטע נאכט, ווי ער נעכטיגט ניט אין דער היים. און ביי טאג שלאפט ער.

מ א ר י א. וואס איז די מעשה?

א י ו ו א ן. די סאציאליסטען זיינען שולדיג. זיי לאזען דאס ניט שלאפען דעם פאלקאוניק. די זשאנדארמען האבען יעצט אר־בייט איבער'ן האלז.

נ א ט א ל י א. (צו מאריא). ביי טאג, פערשטעהט איהר, קען מען זיי ניט וואו ניט פאקען. מוז מען צו זיי געהן מיט א וויזיט ביי נאכט. אלע שלאפען — שטיל, פיין, — מען פיהרט אוועק די שטי־קעל סחורה, און אפילו א האָן וועט ניט א קרעה טאן.אין הויז כאפט זיך קיינער ניט. מען מיינט, אוועקגעפאהרען, און גע'פטר'ט דער עסק.

א י װ ו א ן. מענשען זיינען דאס? געבען אזוי פיעל ארבייט! האָ? און מען מעהרט זיך און מען פרוכפּערט זיך, און עס נעמט קיין סוף ניט. (פערצווייפעלט). מען הערט ניט אויף צו רייניגען, און מען קען קיין מאל ניט אויסרייניגען.

נ א ט א ל י א. ווען איך וואלט געווען גענעראל־גובערנאטאר, וואלט ביי מיר קיין זכר ניט געבליבען פון זיי! ווי געפּאקט, באלד דערשאסען, און פארטיג. אהן צערעמאניען. (ברייט). און ביי אונז מאכט מען א־פריער אונטערזוכונגען, וואס ציהען זיך אוועק אויף צוויי־דריי יאהר, און דערווייל גיב זיי פרעסען. און דערנאך פיהרט מען זיי קיין סיביר. דאס אלץ קאסט דאך אב א שטיק געלד. דערפאר בלייבט דאס אזוי ווייניג פאר די בעאמטע. מען בעצאהלט זיי פאר זייער טרייע דינסט מיט קדחות.

א י װ ו א ן. אדער, ווען מען וויל שוין זיין גוט, זאל מען בעסער אבשיקען דאס געלד צו די ארימע סאלדאטען אין מאנטשוריען.

נ א ט א ל י א. וואס הערט זיך פון דער מלחמה? איך האָב שוין א לאנגע צייט ניט געלייענט די צייטונגען.

מ א ר י א. פון אונזערע צייטונגען וועט איהר דאך סיי ווי סיי ניט דערגעהן דעם אמת.

א י װ ו א ן. ס'איז דאך אזא וויטקייט — וואס איז דער וואונדער?

מ א ר י א. דערהויפּט, ווען מען כאפּט אריין מפּלות. דערוויסט מען זיך מיט א חודש שפּעטער, וואס ארט דאס ווענען?

א י װ ו א ן. וואס רעדט איהר? וואס'ערע מפּלות? די ענטשידענע שלאכט איז נאך ניט געווען. רוסלאנד מוז זיגען סוף כל סוף!

מ א ר י א. נו, נו. איך האָב געהערט אנדערע רעד. פון די אויסלענדישע צייטונגען קען מען אויך זיך א סך ניט דערוויסען. די צענזור פערשמירט מעהר, ווי פיעל זי לאזט דורך. ווען איהר עפענט אן אויסלענדישע צייטונג, דערזעהט איהר פאר די אויגען נאר שווארצע פלעקען.

א נ נ א און ט א נ י א. (שטעהן אויף און געהן צו צום טיש).

א י ו ו א ן. איך מוז אייך זאגען, אז די אויסלענדישע צייטונגען שרייבען א פולע ליגענס, און בעשמוצען און בע׳נבל׳ען רוסלאנד. די צענזור, פערשטעהט איהר מיך, וויל אונז פערהיטען פון אומזיסטער אויפרעגונג —

א נ נ א. איהר רעדט נאך אלץ פון פאליטיק?

נ א ט א ל י א. זעהר אינטערעסאנטע נייעס! (קוקט אויפ׳ן זייגער, שטעהט שנעל אויף). איך דארף שוין געהן, א־נִיט פערשפעטיג איך.

וו א ר וו א ר א. עס איז דאך דא דערביי.

נ א ט א ל י א. (האלט ביים אוועקגעהן — צו ווארווארא — מיט א פריינדליכען סטראשונאק). שוין דריי חדשים, ווי איהר זייט ניט געוועזען ביי מיר. איך האָב געמוזט נאך א מאָל אריין צו אייך. שעמען דארפט איהר זיך, אויף מיין ווארט. נו, איוואן פאוולאוויטש, איהר געהט צו ניט? קומט. (נעמט אבשיד, שנעל אב רעכטס).

א י ו ו א ן. (טרינקט אויס שנעל נאך א גלעזעל. אב).

(פאוזע פון פערלעגענהייט).

א נ נ א. (מיט חוזק). פאר וואס געהסט ניט אריבער אט צו דער דאמע, טאנטעלע?

וו א ר וו א ר א. וואס רעדסטו? איך בין גליקליך, ווען זי לאזט מיך צופרידען. מען דארף זיין מיט איהר אזוי פארזיכטיג. זי קען מיך נאך ארויפברייגגען אויפ׳ן פייער. אנשיקען זשאנדארמען.

א נ נ א. א הויז־זוכונג? ביי דיר? ביי א בעאמטען? וואס קען מען דען געפינען ביי דיר? — טאנטע, טייערינקע, וואס רעדסטו?

מ א ר י א. (שטעקט אריין די האנד אין קעשענע, דרעהט זיך נערוויאיש און ווארפט ארום זיך אונרוהיגע בליקען).

וו א ר וו א ר א. (דערמאנט זיך). יע, דאס בלעטעל. באווייזט מיר, מאריא ניקאלאיעוונא.

מ א ר י א. (נעמט ארויס פון קעשענע די פראקלאמאציע, וויקעלט זי פאנאנדער און וויל נעמען לייענען. פלוצלינג הויבט זיך אויף).

ו ו א ר ו ו א ר א. (לויפט צו צו דער טיהר רעכטס און פערשליסט זי. קערט זיך אום צו דער סאפא און קוקט זיך איין אין בלעטעל, וואס מאריא האלט אין דער האנד).

א נ נ א און ט א נ י א. (רוקען זיך צו נעהנטער און הארכען זיך איין).

מ א ר י א. (לייענט, שטיל, שנעל, איינפאך). „דער אלגעמיינער סטרייק, אין וועלכען עס האט זיך אויסגעדריקט דער בעוואוסטזיין פון טויזענדער ארבייטער אין אונזער שטאדט, האט אונז געבראכט צום שוועל פון דער רעוואלוציאן. מיט אונז האבען זיך פעראייניגט אונצייליגע מחנות פון דער פראפעסיאנעלער אינטעליגענץ. אלץ, וואס האט געפראצעוועט אויפ'ן קאפיטאליסט, האט געווארפען די ארבייט און זיך געשטעלט אין די רייהען פון דער גרויסער פראלעטארישער ארמעע. צו די ארבייטער שטעהט אויך איבעראל־צו דאס יונגווארג פון די לעהר־אנשטאלטען. געגען די רעגיערונג, וועלכע אונטערדריקט די גאנצע געזעלשאפט, האט זיך אפילו אויפגעהויבען די ליבעראלע בורזשואזיע, ווייל דער אלטער ליגנערקע גלויבט שוין מעהר קיינער ניט. מיר האבען געזעהן, מיט וואס'ערע מיטלען זי בענוצט זיך. דעם קיסר'ס סאלדאטען, וואס די יאפאנעזער שלאגען נאכאנאנד אין מאנטשוריען, צייגען ארוים א גרויסע כוואטסטווע, ווען זיי האבען צו טאן מיט אונבעוואפענטע, מיט ווייבער און קינדער. די רעגירונג לאזט ארוים די ווילדע צווישעטע מחנות אויף רוהיגע ארבייטער־מאסען, וועלכע זיינען פערכאפט מיט דער הייליגער בעגייסטערונג" —

(די צוהערער דריקען אוים זייער עקעל מיט ענערגישע בעוועגונגען. רוהיגער פון אלעמען האלט זיך אננא).

מ א ר י א. (איהר קול, וואס ווייטער, ציטערט אלץ מעהר און מעהר. זי סטארעט זיך מיט אלע כחות צו אונטערדריקען איהר געפיהל פון סימפאטיע. זי לייענט אלץ לאנגזאמער, אלץ שטילער, און ציטענוויס שטעלט זי זיך אב). „פאר אונזערע אויגען איז מען בעפאלען רוהיגע פארבייגעהער און זיי געשפאלטען די מחות. פאר אונזערע אויגען האט מען געשאסען אין דעם המון אלס אן ענטפער אויף

פערשידענע אויסגעשרייען, און אפטמאל גאר אהן א שום אורזאכע. פאר אונזערע אויגען האבען קאזאקען געשאסען אין א קופקעלע פרויען און קינדער, וועלכע האבען זיך פון שרעק צונויפגעפרעסט אין א טויער, וואו זיי האבען געזוכט בעשיצונג פון די בלוטהינד. פאר אונזערע אויגען האבען זיך אבגעשפילט סצענען פון אכזריות, וואס מיר וועלען ניט פערגעסען, צייט מיר וועלען לעבען.

(בלייבט שטעהן און ווארפט א בליק אויף די צוהערער, ביי וועמען עס ליגט אין די אויגען דער אויסדרוק פון שרעק. ציהט אב דעם אטעם און לייענט לאנגזאם).

„און נאר איין קליינעם טייל פון די פערברעכען וויים די געזעלשאפט. די איינצעלהייטען שטעלען צונויף אן אונבעשרייבליך עקעלהאפטעם בילד, מיט וועלכען מיר מוזען בעקאנט מאכען סיי דאס רוסישע פאלק, און סיי אייראפא. און דער, וואס קען קוקען אויף דאס בילד און ניט אויסשרייען פון דער טיפענים פון זיין נשמה: „ראכע! מיט געוועהר אין האנד!“ — פאר דעם איז ניטא קיין שום פלאץ אין אונזערע רייהען. צוליעב דעם וויטערען ערפאלג פון אונזער זאך, האבען מיר ביז אהער געזעהן אבצוהאלטען אונזערע ברידער און ניט געלאזט זיי ארויסטרעטען אנטקעגען דעם מיליטער מיט בלויזע הענד. אבער דאס, וואס האט יעצט פאסירט, האט אויפגעקאכט יעדערענ׳ס הארץ. אין טייכען בלוט זיינען דערטרונקען געווארען די פארשטעדט און די ארבייטער־קווארטאלען. ווער קען אויסרעכנען די העלדישע מעשים פון די קעמפפער, וועלכע האבען טייער געצאלט פאר זייער לעבען? א נייע בלאט איז פערשריבען געווארען אין דעם בלוטיגען פנקס פון אונזער צייט, א פנקס, וואס ווערט רייכער פון שעה"...

(אין מאריא׳ס לעצטע ווערטער הערען זיך פערשטיקטע טרערען. זי בלייבט שטעהן, פערווארפט דעם קאפ א־הינטער, די פראקלאמאציע פאלט ארויס פון די הענד. אלע שווייגען).

ו ו א ר ו ו א ר א. (הויבט אויף דאס בלעטעל און לייענט מיט א שוואכער שטימע, וואו עס לאזט זיך הערען אויפרעגונג; נאך לאנגזאמער פון מאריא׳ן). „מיר לייענען, גענאסען, ביי אייך אין די געדאנקען;

מיר זעהען אייערע אויגען, וואו עס ברענט ווערטאג און נקמה; און מיר הערען דאס איינציגע ווארט, דעם איינציגען אויפרוף, וואס רייסט זיך איינשטימיג פון אלעמענ'ס הערצער: „געוועהר! געוועהר!“

מ א ר י א. (וועלכע האט ביי די לעצטע ווערטער ווידער אריינגעקוקט אין דער פראקלאמאציע, שרייט אויס מיט בעגייסטערונג, אין איין צייט מיט ווארוואראַ'ן — „געוועהר!“).

ו ו א ר ו ו א ר א. „עס איז אמת, ברידער, אז מיר זיינען נישט־בעוואפענט. אבער די צייט צו בעוואפענען זיך איז שוין געקומען. מיר האבען דורכגעמאכט אלע מדרגות פון דער קאנספיראטיווער ארבייט, און אט זיינען מיר צוגעקומען צו דעם מאמענט, ווען מיר דארפען זיך בעוואפנען, ווען קיין אנדער אויסוועג איז ניטא. דאס פייערל, וואס האט ביז אהער נאר קאם וואס געטליעט, וויל קיין לופט איז ניט געוועז פאר איהם, קען זיך יעדען אויגענבליק פאנאנדערפלאקערן אין א גוואלדיגע שרפה. און די שרפה וועט ארומכאפען דאס גרויסע לאנד פון איין ברעג ביז'ן צווייטען“. (בלייבט שטעהן, א פערמאטערטע). אננא, לייען דו ווייטער.

א נ נ א. (מיט שארפקייט און האס). „דער יום הדין איז שוין נאהענט! בעדעקט מיט שאנדע, בעשמוצט מיט'ן סם פון ברענענדיגען האס, מארטערט זיך מיט דער גססה דער אויסגעמארעטער און אבגעלעבטער רעזשים פון אליינהערשאפט. די געשיכטע האט איהם פער'משפט צום טויט, און עס איז ניטא די מאכט, וואס זאל קענען דעם אורטייל מבטל זיין. (לאנגזאם). דער שווארצער שאטען, וואס האט אויסגעזויגען אלע זאפטען פון לאנד און דאס געמאכט פאר א פוסטען און וויסטען מדבר, נאך א ווייל — און ער וועט קראפירען. דער נעכטיגער שקלאף וועט ווערען א פרייער בירגער פון דער ריזיגער מדינה, וואו ביז אהער האט מען נאר געוואוסט פון געוואלט־טעטיגקייט, וואו ביז אהער האט מען נאר געהערט דעם קלונג פון קייטען און די פערשטיקטע זיפצען פון מיליאנען קרבנות, וואו ביז אהער האט זיך נאר געגאסען אהן אן אויפהער דאס בלוט פון די איידעלסטע הערצער“...

מאריא. (וועלכע האָט שוין א היבשע צייט זיך געוווישט מיט איהר טיכעל די אויגען, ברעכט אויס אין א הויכען געוויין).

וואַרוואַרא. (אונרוהיג). וואס איז מיט אייך, מיין ליע־בע מאריא ניקאלאיעוונא?

מאריא. (שלוכערצט). מיינער א ברודער איז אין סיביר!

טאַניא. (מיט געוויין). ארימער אנדרעי!

מאריא. (ווישט אב שנעלערהייט די טרערען). נו, גענוג, גע־נוג שוין. (מיט געבעט). לייענט ווייטער.

אננא. (לייענט). „נאר א שניט מיט'ן שווערד וועט קענען עפענען אט דעם פיינליכען אייטערדיגען געשוויר, וואס האָט זיך איינגעגעסען אין דעם לייב פון אונזער פאלק".

מאריא. (נעמט ארויס פון קעשענע א בייטעלע. אין א מינוט ארום הויבט זי זיך אויף, אונבעמערקט, און לויפט איבער'ן שטוב הין און צוריק, ווי אחן זיך).

אננא. (לייענט ווייטער). „עס קומט שוין דער גרויסער טאג, דער הייליגער טאג. די חיה רעה ווארפט זיך אין איהרע לעצטע גסיסה־קאנוואולסיען. די צייט ווארט ניט! צו די וואפען! ארונטער מיט דער אליינהערשאפט! עס לעבע אונזערע אידעען פון פרייהייט, וואס פאר זייער נצחון האָבען אזוי פיעל העלדען אוועקגעלעגט דאס לעבען מיט א גליקליכען שמייכעל אויף די ליפען!

„עס לעבע דער קאמפף אין דעם נאמען פון פרייהייט!

„עס לעבע די וואפען, וואס פיהרען צום זיעג!

„עס לעבע די דעמאקראטישע רעפובליק!"

מאריא. (בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב. מאכט א בעווע־גונג מיט דער האנד, ווי זי וואלט אומיצען וועלען געבען איהר בייטעלע. ליידענשאפטליך, ניט קענענדיג מעהר זיך איינהאלטען, שרייט זי בעת אננא ענדיגט לייענען די לעצטע ווערטער). וואו זיינען זיי? וואס איז זייער אדרעסע? (טוט א כאפ די פראקלאמאציע, זוכט די אדרעסע, געפינט אבער ניט, קנייטשט דאס בלעטעל). וואו זיינען זיי? (פערצווייי־פעלט). וואו זיינען זיי? (פערטראכט זיך, און איהר האנד לאזט זיך אראב).

די איבעריגע. (זיצען אהן לשון, מיט אראבגעלאזטע קעפּ, ארײנגעטאן אין שווערע געדאנקען).

מאריא. (מיט א מאָל געהט צו ענטשלאסען צו װארװארא׳ן און דריקט איהר די האנד). װארװארא אנדרעיעװנא, ענטשולדיגט מיר — (שנעל) — טאניא, קום — מיר מוזען געהן.

(שװײגענדיגערהײט גיבען זײ זיך בײדע די הענד און געהן צו דער רעכטער טיהר — קענען זי ניט עפענען — װארװארא לויפט צו — דרעהט דעם שליסעל אין שלאס און עפענט. מאריא און טאניא אב).

װארװארא און אננא. (שטעהן אײנע אנטקעגען דער אנדערער און קוקען זיך אן הילפלאז).

װארװארא. (ברעכט די הענד). שרעקליכע צײטען זײנען געקומען!

אננא. בעסערע צײטען, טאנטעלע!

װארװארא. (קוקט נערװױאיש אויפ׳ן זײגער).

אננא. (בעמערקט דאס). טאנטע, דו װארטעסט אויף אימיצען?

װארװארא. (קוקט אויף איהר מיט א פארשעהנדען בליק. די ערשטע װערטער רעדט זי ארויס אונענטשלאסען, עפּיס װי זי װאלטען זיך געריסען בײ איהר פון האלז מיט געװאלט). אניוטא, אניוטא, אניוטא, איך װעל דיר װאס זאגען —

אננא. (קוקט איהר אן פערװואונדערט). װער איז דאס, אויף װעמען דו װארטעסט?

װארװארא. איך װעל דיר זאגען — דיר קען איך דאך זאגען — איך — (שנעל) — בײ מיר געפינט זיך א קלײנער סקלאד פון פערבאטענע ביכער.

אננא. (מלא שמחה). װאס? דו, טאנטע?

װארװארא. דארטין אין דעם אלמער מיט ביכער. דאר־טין איז פראן אזוי פיעל פלאץ.

אננא. (מיט בעװואונדערונג). און דו האסט זיך גאר ניט גע־שראקען — פאר׳ן אנקעל — פאר איװואן פאװלאװיטש׳ן?

װארװארא. ער קוקט דען װען ארײן אין א בוך? (שנעל

בייט דעם טאן — מיט שרעק). אבער יעצט —איבעראל הויז־זוכונגען, האָב איך אזוי מורא.

קאַטיא. (דינסט־מיידעל, קומט אריין פון רעכטס). א פריי־לין פון מאגאזין וויל אייך זעהן, מאדאם.

ווארווארא. (פערוואונדערט). א פריילין פון מאגאזין? (קאטיא אב. עס געהט אריין —).

אָלגא ליאנאָוויטש. (18 יאהר אלט, איינפאך אנגע־טאן, לאנגע צעפּ. זי טראגט אין האנד א קעסטעל, אין וועלכע מען האלט קליידער אין מאגאזינען). ענטשולדיגט מיר, איך האָב זיך א ביסעל פערשפּעטיגט —

ווארווארא. איך האָב אין קיין שום געשעפט גאר ניט בעשטעלט —

אָלגא. (אין פערלעגענהייט). סערגעי מיכאילאוויטש האָט געזאלט קומען —

ווארווארא. (דערשראקען). וואס האָט זיך געטראפען?

אָלגא. (קוקט אויף אננא'ן און ווייס ניט, צו זי זאל רעדען, צו ניט).

ווארווארא. איהר קענט רעדען אפען.

אלגא. מיין נאמען איז אלגא ליאנאוויטש (אין דער שטיל). סערגעי איז ארעסטירט!

ווארווארא. (פערצווייפעלט). גאט מיינער! (אין א מי־נוט ארום). און יעצט פערנעמט איהר זיין פּלאץ? איהר זייט דאך אזוי יונג — און שיין —

אָלגא. מיר מוזען אנפאנגען בעצייטענס. דעם רעוואלוציא־נער'ס לעבען איז קורץ. לאנג ארבייטען לאזט מען אונז ניט.

ווארווארא. איהר זייט געקומען נאך די „פּאפּירען“, הייסט דאס? טוט מיר א טובה, איך בעט אייך, נעמט זיי צו וואס גיכער, זיי לאזען מיר ניט רוהען.

אָלגא. (טרויעריג). און איך האָב געבראכט אהער נאך א פולע קעסטעל —

וואַרוואַרא. (פערצווייפעלט). אבער איך קען ניט, זאג איך דאך אייך — דערבארימט זיך איבער מיר — איך קען יעצט ניט — ווען מען מאכט הויז־זוכונגען איבעראל —

אַלגא. (הילפלאז). וואס־זשע זאל איך יעצט טאן דערמיט? די לעצטע צייט האָבען מיר פערלארען אזוי פיעל מענשען — אייער הויז איז דאך דער זיכערסטער פלאַץ.

וואַרוואַרא. איך האָב שרעקליך מורא — די צייטען זיי־נען אזעלכע אונרוהיגע — הויז־זוכונגען הערען ניט אויף — ביי נאכט קען איך מיט אן אויג ניט צוטאָן.

אַלגא. מיר קענען זיך קיין עצה ניט געבען — שווערע וואל־קענס הייננען איבער אונזערע קעפ — טעג פון אימה זיינען גע־קומען, טעג פון ענטשיידענע שלאכטען — און די ארגאניזאציאן ווערט דערווייל צופליקט און צוריסען. (מיט א בעטענדער שטימע)— האלט די ביכער נאך א ביסעל, וואַרוואַרא סערגעיעווּנא — אט דעם איין מאָל נעמט נאך —

וואַרוואַרא. (שטרייט מיט זיך אליין). מילא, וואס קען מען מיט אייך מאכען!

אַלגא. (דריקט איהר די האנד).

וואַרוואַרא. (דערמאנט זיך). סערגעי איז דאך אין טיור־מע— ניין — ניין — איך קען ניט —

אַלגא. זאגט, וואס האָט איהר מורא? איהר קענט אונז נאך אליץ ניט, וואס? (ענערגיש). עס זיינען ניטא די ענוים — אפילו ניט אין רוסלאנד, וואס זאלען אונז ברעכען דעם מוט. (וויל געהן).

אנגא. (געהט צו איהר שנעל צו און דריקט איהר די האנד, אל־גא אב).

וואַרוואַרא. (געהט צו צום באלקאן און קוקט דורכ'ן פענסטער).

אנגא. (לויפט צו איהר צו און נעמט זי ארום). טאנטעלע, וואלסט וויסען, ווי איך האָב דיך האָלט!

וואַרוואַרא. און דערפאר ווילסט מיך דאס דערשטיקען.

אנגא. דו ביסט אזא גוטיטשקע!

װ ו א ר װ ו א רא. פלוידער ניט קיין נארישקייטען. (באװייזט אויפ'ן מיטעלען פענסטער פון באלקאן). זעהסט — ער איז נאר װאס דורכגעפאהרען — פון דער גארטען־גאס.

א נ נ א. אזוי שפעט ?

װ ו א ר װ ו א ר א. נו, יע. ער קומט דאך נאר צום באלעט. זעהסט, זעהסט. אט געהט ער ארוים פון זיין דראשקע.

א נ נ א. און דער אבער־פאליציי־מייסטער געהט אויך ארוים.

װ ו א ר װ ו א ר א. זעה, נאר, װי אלע פערבויגען זיך אין דרייען.

א נ נ א. מיינסט, װער זיינען דאס ? שפיאנען ! (אין א מינוט ארום, פול מיט האס). צוליעב א שטיקעל ארדען אדער א העכערע שטעל — צו פערגיסען אזוי פיעל בלוט.

װ ו א ר װ ו א ר א. און ער, דער גזלן, לעבט נאך !

א נ נ א. (מיט א גליקליכען שמייכעל). אזוי ראדיקאל ביזטו דאס, טאנטעלע ? (נעמט זי ארום). אין דער לעצטער צייט געפין איך ארום זיך אזוי פיעל גליק. װי בלינד איך בין דאס געװען פריער; ניט געזעהן, װאס עס האט זיך געטאן ארום מיר. יעצט האב איך װידער מוט און גלויבען. אונזער זאך װעט לעבען !

װ ו א ר װ ו א ר א. (פערװואונדערט). דו זאגסט, אונזער זאך?

א נ נ א. (ערנסט). יע, טאנטע, אונזער זאך.

װ ו א ר װ ו א ר א. הערסט ! איך האב קיין בעגריף ניט געהאט, אז דו ביסט אויך אונזערע.

א נ נ א. אט דאס איז דער אומגליק — מיר מוזען זיין זעהר פארזיכטיג — זיך היטען אפילו פון די נאהענטסטע מענשען —

ק א ט י א. (קומט פון רעכטס). איינער א יונגער מאן איז געקומען. ער זאגט, אז ער װיל זעהן די פריילין אונטער פיער אויגען, אזוי זאגט ער.

װ ו א ר װ ו א ר א. (דערשראקען). אניוטא — איך בעט דיך — זעה — זיי פארזיכטיג — איך שרעק זיך אזוי שטארק — איך װעל דערװייל פעררוקען די ביכער אין אלמער — (װיל אויפהויבען דאס קעסטעל). ס'ארא שװערקייט! אניוטא, זיי אזוי גוט — (אננא

טראגט דאס קעסטעל צוזאַמען מיט וואַרוואַראַ'ן). ווי האט זי דאס גע־קאַנט טראַגען איינע אליין — אזא שוואַך מיידעל! (מיט בע־וואונדערונג). וואס'ערע מענשען זיי זיינען דאס! (אב מיט אננא'ן לינקס. פון רעכטס געהט אריין —)

ו ו א ס י ל י. (בלייך ווי דער טויט — אין מאַנטעל — לאַנג־זאם גנב'עט זיך אריין אין צימער — די אויגען בלאַנזען ארום אין אלע זייטען — בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב — זעהט ניט, ווי פון לינקס געהט אריין —)

א נ נ א. (קוקט איהם אַן ערשטוינט. פון דער ווייטען, מיט שרעק). וואַסקא, וואַסקא, דו ביסט דאס. (שנעל). מאָרגען האָב איך זיך געקליבען צו קומען צו דיר — דו ווייסט דאָך, ווי גע־פעהרליך עס איז פאַר דיר ארויסצוגעהן אין גאַס. איך וואָלט געקו־מען, איך וואָלט געקומען —

ו ו א ס י ל י. (אין דער שטיל). דו דאַרפסט שוין מעהר ניט קומען . . .

א נ נ א. (אונרוהיג, און איהר אונרוהיגקייט וואַקסט וואס פון רגע). וואס רעדסטו, וואס? זאג — וואַסילי — זאג — וואס —

ו ו א ס י ל י. (מיט אַ פערגליווערטען בליק). איך האָב גע־וועלט — איך האָב געמוזט זיך זעהן מיט דיר נאָך איין מאָל אין לעבען —

א נ נ א. וואַסילי — וואס — וואס קלייבסט זיך צו טאָן? (קוקט אריין טיעף אין זיינע אויגען, ווי זי וואָלט וועלען דאָרטען לייענען, בעת אויף איהר געזיכט ווערט אַלץ גרעסער דער אויסדרוק פון שרעק, און זי האַלט אין שעפּצען). — וואַסילי — וואַסילי — (צום סוף, עפּיס ווי מיט אַ מאָל וואָלט זי אַלץ פערשטאַנען, לאָזט זי ארויס אַ פערצווייפעלטען געשריי). ניין — ניין — דאס קאָן ניט זיין — וואַסקא — וואַסילי — דו? — וואס עפּיס דו? — אט באַלד, אַ? (בלייבט שטעהן; איהר געזיכט פערקרימט זיך פון טיעפען וועה־טאג, און זי קוקט איהם גלייך אין די אויגען. פּאוזע).

ו ו א ס י ל י. (מיט אַ פערשטיקטער שטימע). עס קען אנדערס ניט זיין —

א נ נ א. (מאכט צו די אויגען, מיט פערשטיקטע טרערען). עס קען אנדערס ניט זיין ?

וו א ס י ל י. עס איז שוין צייט, די גלאק פון בלוט זאל זיך א הויב טאָן —

א נ נ א. (וויינט). די גלאק פון בלוט — די גלאָק פון פיין—

וו א ס י ל י. מיר דוכט זיך — אז איך בין די האנד פון דעם אונטערדריקטען פאָלק — און די האנד שטרעקט זיך אויס אראָבצוהאקען איין קאָפּ פון דער פיעל־קעפּיגער חיה — איך פיהל — אז דאס וואס איך טו, איז א גערעכטע זאך — מען טאָר ניט צווייפלען — אָדער קוויינקלען — אדער אנטלויפען — איך ווייס נאר, אז דאס מוז געשעהן — איך פיהל, אז עפּיס א גרויסע, א גוואלטיגע קראפט טרייבט מיך — שטויסט מיך — יאָגט מיך — גיט מיר אָב בעפעהלען —

א נ נ א. וואסילי, דו ביסט יעצט מיינער,—גאר אין גאנצען מיינער — און גראד יעצט זאל איך דיך פערלירען! — אזוי פלוצלונג ! — אט שוין מוז דאס זיין ? צו שנעל — וואסילי — דאס הארץ ווערט ביי מיר צוריסען אין שטיקער — אזוי שנעל — וואסילי —

וו א ס י ל י. אניוטא — דו האסט מיר געגעבען גליק א פולען בעכער, אבער שוואך האסטו מיך געמאכט, זעהר שוואך — איך האב שוין גענומען צווייפלען אין זיך — מיין לעבען איז געווען א גיהנם — אבער איך האב באקומען צוריק מיין כח און מיין רו־היגקייט — און די האנד וועט ניט ציטערן — און דעם טויט וועל איך אריינקוקען גלייך אין די אויגען — אין דיינע אויגען, אניוטא, זעה איך טרויער אָהן א ברעג.

א נ י ו ט א . (נעמט ניט אראָב פון איהם די אויגען, ווייל עפּיס זאָגען, אָבער די ווערטער בלייבען איהר שטעהן אין האלז).

וו א ס י ל י. די האנד וועט ניט ציטערן — אבער דיך מוז איך האבען ארום זיך — דיך מוז איך פיהלען ארום זיך. און הערען מוז איך פון דיין מויל : „געה אהין !“

א נ נ א. (בעגייסטערט). יע. — ביסט גערעכט — איך געה מיט —

וואסילי. דאס וועט זיין א משוגעת! דו קינד איינע.... הער נאר. באלד געהט ער ארויס פון דער אפּערא און לאזט זיך פאהרען אט איבער דער גאס. איך וויל פון דיר, אז דו זאלסט ארויסשטעלען א ליכט אין פענסטער — א צייכען, אז ער פאהרט— דאס וועט אויך זיין פאר מיר דיין לעצטער גרוס — איינער א חבר האט געזאלט דאס טאן, האב איך איהם בעפרייט פון דער ארבייט — אין דער לעצטער מינוט וויל איך נאך זיין מיט דיר צוזאמען . . . (באווייזט אויף דאס לינקע פענסטער). דארטען — לע־בען פארק — אין דעם שאטען פון די בוימער, וועל איך זיצען אויף א באנק — און האלב טרוימענדיג, האלב וואכעדיג, וועל איך קוקען צו דיר אין פענסטער, און זיך פארשטעלען, אז איך זיץ לע־בען דיר — ביז עס טוט א לייכט דער לעצטער גרוס־צייכען — וועל איך וויסען, אז עס איז צייט — (אין א ווייליע ארום — מיט געבעט). הייסט דאס, דו וועסט מיך וועקען — גיב אכטונג, אניוטא — אז איך זאל זיך אויפכאפּען צו דער צייט — און —

א נ י ו ט א. (שלינגט די טרערען). איך זאל דיר געבען א צייכען צום טויט? צום שיידען זיך אויף אייביג? — דאס איז איבער מיינע כחות — (פּאוזע. פלוצלונג, מיט א לעבעדיגער שטימע, וואו עס קלינגט א פונק פון האפנונג) — מוז ער דען דורכפאהרען אט די גאס? ער קען דאך זיך אומקערען מיט דער שלאס־גאס.

וואסילי. דארטען ווארט אויף איהם אנאנדערער — זיין יום הדין איז געקומען!

א נ י ו ט א. און ווען ער נעמט די שלאס־גאס — וואסילי, טייערער — זאג מיר — שנעלער — וועלען מיר אוועק פון דאנען— יע? יע? אהין, קיין אייראפּא — וואו מען קען פריי אטעמען — דארטען קען מען דאך אויך ארבייטען פאר דער זאך. כאטש איין האלב יאהר געניסען דאס גליק פון געוויינליכע מענשען! און דערנאך, ווען מיר וועלען זיך שטארק פערביינקען נאך א לעבעדיגער טעטיגקייט — דעמאלט וועלען מיר קומען צוריק — אבער ווע־

ניגסטענס איין רגע גליק ! מיר וועלען אוועקפאָהרען, וואסילי — ניט אמת ? (קוקען זיך אָן מיט אַ גליקליכען שמייכעל).

ו ו א ס י ל י. (פּלוצלונג פערפינסטערט זיך זיין געזיכט). שוין ווידער שפּיעלט זיך מיט מיר דאס לעבען, וויל מיך פערפיהרען, באווייזט זיינע שיינע ציין — אניוטא, דו מאכסט מיר אזוי שווער די מינוט פון מיין טויט. מיין לעצטער טאג איז היינט. די, וואס האלטען ביים שטארבען, זעהן קלאָר די צוקונפט — פּיעלייכט וועט שוין מארגען א שיין טאָן די פרייהייט, אבער איך וועל זי ניט זעהן — איך מוז געהן — ניט א טאג, ניט א שטונדע אפילו וועל איך געניסען פון דער שיינער צייט, ווען דער נצחון וועט קומען — אבער איך גלויב, דאס ווען איך טו היינט א קלונג אין דער גלאָק, וועלען די טויזענדער זיך אויפכאפּען — אויפשטעהן פון שלאָף — און פּיעלייכט וועסטו נאך דערלעבען, אננא, צו זעהן רוסלאנד פריי —אין יענעם טאג זאלסטו זיך דערמאָנען אן מיר —

א נ נ א. וואסילי, קאם וואס אונזערע נשמות האבען זיך בעריהרט, דארפען זיי שוין צושיידען זיך, אויף אייביג —

ו ו א ס י ל י. (דריקט איהר די האַנד). זיי געזונד, אניוטא.

א נ נ א. (וויל זיך ווארפען צו איהם אויפ׳ן האַלז, אָבער האַלט זיך איין, ווייל ער מאכט אַ בעוועגונג ניט צו דערלאָזען זי דערצו).

ו ו א ס י ל י. היינט מוז איך זיין שטארק — (נעמט ארויס זיין האַנד פון איהרער). זיי געזונד !

א נ נ א. (מיט געבעט). נאך דא צייט — נאך א מינוט — וואסילי —

ו ו א ס י ל י. (געהט הינטערוויילעכטס צו דער טיהר). דאר־טען ווארט דער חבר...

א נ נ א. נאך א רגע — נו, איין רגע׳לע . . .

ו ו א ס י ל י. (קומט אַלין נעהנטער צו דער טיהר). די צייט לאזט ניט — די צייט קען ניט ווארטען —

א נ נ א. (שרייט). צייט, שטעל זיך אב ! (וואסילי אַב. קוקט אין דער זייט, וואו ער איז אוועק). בלייב נאך א ווייל׳ע — נאך א

ווילע — געה נאך ניט אוועק — (בלייבט אזוי שטעהן טיעף פער־טראַכט, מיט דער האַנד אויסגעשטרעקט צו דער טיהר).

וואַרוואַרא. (קומט פון לינקס — געהט צו צו אַננאַ׳ן — נעמט זי ארום מיט צערטליכקייט). אַניוטא! ווער איז דאס דא געווען? פיעלייכט האָט דאס דיין חבר׳טע אימיצען געשיקט?

אננא. (קוקט אויף וואַרוואַרא׳ן מיט אַ ווילדען בליק). וואס — צו וואס — (אין אַ וויילע ארום, צו זיך אליין). דאס לעבען — אוועקגעבען פאר דער זאך — בלויז דאס לעבען — אַ גליק איז דאס — אבער מעהר פונ׳ם לעבען —

וואַרוואַרא. פון וואס רעדסטו?

אננא. אוי, פרעג ביי מיר ניט — טאַנטע — (לויפט ארום איבער׳ן שטוב — פלוצלונג בלייבט זי שטעהן) — ניין, ניין, דאס וועט ניט געשעהן — (געהט שנעל צו צום באַלקאָן, קוקט ארויס דורכ׳ן לינקען פענסטער, פערשטעלט די אויגען מיט דער האַנד אום צו זעהן בעסער. וואַרוואַרא געהט צו איהר צו). אויף איין זייט לאַמטערנעס, אויף דער צווייטער שטאַק־פינסטער.

וואַרוואַרא. יע, דער פארק ווערט קיין מאָל ניט בע־לויכטען.

אננא. די בוימער האָבען קיין מאָל אזוי שווארץ ניט אויסגעזעהן ווי יעצט — און דאָ ביי דער אַפּערא איז ליכטיג ווי ביי טאג. אויף איין זייט ליכטיג און פריילאך, אויף דער אנדערער — טונקעל און פול מיט שרעק. צו איז דאס ניט אזוי אומעטום אין רוסלאַנד? (זי קוקט זיך גוט איין דורכ׳ן לינקען פענסטער, ווי זי וואָלט וועלען עפּיס דערזעהן אין גאַס).

וואַרוואַרא. (קוקט דורכ׳ן מיטעלסטען פענסטער). זעה נאר — מען צופאהרט זיך שוין —

אננא. (לויפט אַוועק שנעלערהייט פון פענסטער און שטעלט זיך אָב אין מיטען שטוב).

וואַרוואַרא. (ביים פענסטער ווי פריער). קום אהער, זיי וועלען פאַרבייפאהרען אַט אַ דאָ.

א נ נ א. (מיט שרעק, צו זיך אליין). דאָ ? דאָ ? (צו וואַרוואַרא'ן). פון וואַנעט קענסטו דאס וויסען, טאנטע?

וואַרוואַרא. די דראָשקעס שטעהן דאך אויף אונזער זייט —

א נ נ א. (געהט ארום ווי פערהיפּנאטיזירט; נעמט פון טיש א קעסטעלע מיט שוועבעלעך, געהט צו צום קאמאד, צינדט אָן א ליכט, נעמט דעם לייכטער אין האנד, שטעהט אזוי א ווײַלע. דאן שטעלט זי אַוועק דעם לייכטער צוריק אויף זיין אָרט און לעשט אויס דאס ליכט שנעל און ענטשלאָסען).

וואַרוואַרא. דער אבער־פּאָליציי־מייסטער קריכט שוין צו זיך אין דראשקע —

א נ נ א. (צינדט דערווײַלע אָן איין שוועבעלע נאָך דער צווייטער, האַלט א רגע און ווארפט אַוועק).

וואַרוואַרא. דער אבער־פּאָליציי־מייסטער פאָהרט שוין מיט מזל —

(מען הערט ווי אַ דראָשקע קומט צו אַלץ נעהנטער).

וואַרוואַרא. רעכנין זעצט זיך שוין אויך — זעה נאר, זעה — ווי אלע שרצים פערבויגען זיך און בוקען זיך פאר זיין עקסעלענץ —

(אין דעם אויגענבליק זעהט מען ווי א דראשקע פאהרט פארביי. אַננאַ צינדט אָן האַסטיג דאס ליכט, שטעלט אַוועק דעם לייכטער אויפ'ן לינקען פענסטער פון באַלקאָן — אַנטלויפט פון פענסטער און בלייבט שטעהן לעבען טיש. מיט א פערגליווערטען בליק קוקט זי, ווארטענדיג אויף עפּיס, מען הערט, ווי עס קומט צו אלץ נעהנטער א צווייטע דראשקע וועלכע טראָגט זיך פארביי מיט אַ גרויסען טראַסק. הינטער איהר רייטען קאָזאַקען. אין אַ מינוט ארום דערהערט מען, ווי עס צורייסט זיך אַ באָמבע. די שויבען נעמען ציטערן. אין גאַס הויבט זיך אויף אַ געשריי, אַ פּייפעריי, אַ טומעל).

א נ נ א. (לאָזט ארויס אַ פערצווייפעלטען געשריי און פאַלט אַנידער אויף די קניע, שעפּצענדיג מיט אַ פערגליווערטען בליק).

וואַיסקא ! וואַיסקא מיינער ! וואַיסקא מיינער !

ו ו א ר ו ו א ר א. (האט בעמערקט דאס ליכט און וויל דאס ארונטערנעמען פון פענסטער. אבער דערשראָקען פון דער אויפריוסונג, לאָזט זי ארויס דעם לייכטער פון האַנד). אניוטא, וואס האסטו געטאָן ? (לויפט צו צו אננא'ן, וועלכע נעמט דערוויילע לאַכען און וויינען היסטעריש).

ק א ט י א. (רייסט זיך אריין אין שטוב און לויפט ווי משוגע הין און צוריק).

ו ו א ר ו ו א ר א. (הויבט אויף אַננאַ'ן און האַלט זי אין די אָרימס). אניוטא — קום צו זיך — אניוטא — אניוטא —

א נ נ א. (עפענט אויף ברייט די אויגען. ווי אויפגעשטאַנען פון טיעפען שלאָף, קוקט זי זיך ארום און בעפרייט זיך פון ווארוואראַ'ס הענד). יע, טאנטע, דו ביסט גערעכט — (שנעל ווישט אוים די טרערען) נארישע טרערען — (ביטער) נארישע טרערען — (מיט א טאָן פון נקמה) נארישע טרערען — (שרייט) קלינגט אין גלאָק — שטארקער, ברידער — קלינגט אין דער גלאָק פון בלוט — פאָרוועַרטס — פאָרווערטס — (מען הערט נאָך, בעת דער פאָרהאַנג לאָזט זיך שנעל אַראָב) פאָרווערטס — פאָרווערטס . . .

ע נ ד ע.

קאטאלאג

פון דער

אינטערנאציאנאלער ביבליאטהעק פערלאג קאמפ.

		פרייז.
פיליפ קראנץ,	קולטור געשיכטע, 3 בענדער, 1000 זייטען, 100 בילדער, שיין געבונדען, פרייז יעדער באנד..................	75 ס.
" "	די געשיכטע פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן, 3 טהיילען אין איין באנד, שיין געבונדען..........................	75 "
" "	יציאת מצרים, מיט איין קארטע פון מצרים..............................	15 "
" "	אריסטאטעל, זיין ביאגראפיע......	10 "
" "	וואס הייסט נאציאן — זיינען אידען א נאציאן?.....................	10 "
י. גארדין,	גאט, מענש און טייוועל, דראמע אין 4 אקטען	25 "
" "	וואלטער, זיין ביאגראפיע............	10 "
דר. קאספע,	מעכאניקע, נאך סיר אייזאק ניוטאן	10 "
" "	אסטראנאמיע " " "	15 "
" "	אנפאנג פון כעמיע........................	15 "

פרייז.

מ. באראנאוו, דער מענש און די נאטור.........10 "

ל. טאלסטאי, פאַטריאָטיזמוס און רעגירונג, 05 "

" " דער איינציגער מיטעל...........05 "

ביידע בראָשורען איבערזעצט פון מ. קאטץ.

מאקסים גארקי, ערציילונגען, איבערזעצט פון
ח. אלעקסאנדראָוו..........................15 "

ח. אלעקסאנדראוו, טאָלסטאָי, זיין ביאָגראפיע 10 "

ב. פייגענבוים, רמב"ם, זיין ביאָגראפיע...............10 "

מ. ווייערניק, רב סעדיה גאון, זיין ביאָגראפיע...10 "

מ. פרומקין, ר' ישראל בעל שם טוב,
זיין ביאָגראפיע.........................10 "

מאררים ראזענפעלד, געזאַמעלטע ליעדער
פון מאָררים ראָזענפעלד, 337 זייטען, אילוס-
טרירט, שעהן געבונדען, פרייז. $1.00

פיליפ קראַנץ, אַמעריקאַ פאַר קאָלומבוס,
א קולטורגעשיכטליכע נאכפארשונג,
169 זייטען מיט 44 צייכנונגען, שיין
געבונדען, פרייז. . . . . 50 ס.

פ. ווייערניק, דער ווילנער גאון, זיין ביאָגראפיע 10 "

ד. מ. הערמאלין, יצחק בער לעווינזאָהן,
זיין ביאָגראפיע.. . . . . 15 "

פרייז

פיליפ קראַנץ, ברוך ספינאָזא, זיין לעבען און
זיין פילאָזאָפיע.....................15ט.
" " שבתי צבי, זיין ביאָגראַפיע......15 "
" " יאָזעפוס פלאַוויוס, זיין ביאָגראַפיע 15 "
" " בר־כוכבא, זיין ביאָגראַפיע......15 "
" " לעססינג און מענדעלסזאָהן,
זייער לעבען, שריפטען און טהעטיג־
קייט, 186 זייטען....................25 "

מאָררים ראָזענפעלד, היינריך היינע,
זיין ביאָגראַפיע, 35 זייטען.........15 "

דוד פינסקי, ערצעהלונגען, צוויי בענדער,
646 זייטען, פרייז יעדער באנד....50 "
" " זרובבל, ערצעהלונג...........05 "

דר. ש. פעסקין, סטרייקס און זייער ניצ־
ליכקייט פיר די ארבייטער..05 "

צו אדרעססירען:

The International Library Pub. Co.,
23 Duane St., New York, U. S. A.

די אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק.

עבען ערשיענען:

נעזאַמעלטע ליעדער פון יהואש, 400 זייטען, געבונדען, פרייז $1.00

דוד פינסקי'ס ערצעהלונגען, צווייטער באַנד, 290 זייטען..פרייז 50 ס.

דיא פאַמיליע ראָטהשילד, זייער לעבען און פינאַנציעלע טהעטיג-
קייט, 61 זייטען..................פרייז 15 ס.

מאָהאַמעד, דער גרינדער פון מאָהאַמעדאַניזמוס, 65 זייטען....פרייז 15 ס.

מייערבעער, זיין לעבען און מוזיקאַלישע טהעטיגקייט, 71 זייטען, פרייז 15 ס.

דון יצחק אברבנאל און זיינע זיהן, 67 זייטען.........פרייז 15 ס.

אַללע פיער לעבענסבעשרייבונגען פערפאַסט פון פיליפ קראַנץ.

יהודה הלוי, דער גרויסער יודישער משורר, פערפאַסט פון מאָררים
ראָזענפעלד, 64 זייטען.................פרייז 15 ס.

„קוואָ וואַדיס?" דיא געשיכטע פון בעריהמטען מאַנבראָזען-
אויפשטאַנד, מיט אילוסטראַציאָנען, 100 זייטען, פרייז 20 ס.

דער אונבעקאַנטער, דראַמא אין 4 אַקטען מיט א פראָלאָג,
פון יעקב גאָרדין..................פרייז 20 ס.

אלישע בן אבויה, היסטאָרישע דראַמא אין 4 אַקטען פון יעקב גאָרדין
פרייז 15 ס.

קירצליך וועלען ערשיינען:

מ. ראָזענפעלד'ס שריפטען, צווייטער באַנד, 400 זייטען..פרייז $1.00

ז. ליבין'ס געקליבענע סקיצען, 300 זייטען.........פרייז 50 ס.

אייזיק שעפטעל, ארבייטער-דראַמא אין 3 אַקטען, פון דוד פינסקי,
פרייז 15 ס.